# לאַנדקענטעניש

אָרגאַן פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿט פֿאַר לאַנדקענטעניש,
געווידמעט די פֿראַגן פֿון לאַנדקענטעניש און טוריסטיק,
די ייִדישע ישובֿים, פֿאָלקלאָר און עטנאָגראַפֿיע

**№ 1.**

dangers of too rapid growth: merely a source of entertainment

ייִדישע געזעלשאַפֿט פֿאַר לאַנדקענטעניש
הויפּט־פֿאַרוואַלטונג

וואַרשע

Emanuel Ringelblum

## פֿון דער רעדאַקציע

די לאַנדקענטעניש־באַוועגונג איז זיך אין די לעצטע יאָרן שטאַרק פֿאַנאַנדערגעוואַקסן. פֿון אַ קליין הײַפֿל מענטשן אין וואַרשע, וואָס האָט אין יאָר 1926 געגרינדעט די געזעלשאַפֿט איז געוואַקסן די צאָל מיטגלידער אין וואַרשע ביז קנאַפּע 2000. אויסער די טויזנטער מיטגלידער זענען פֿאַראַן הונדערטער סימפּאַטיקער און פֿרײַנט, וואָס שטייען אין פֿאַרבינדונג מיט דער געזעלשאַפֿט דורך די כּלערלײַ אויספֿלוגן, קאָלאָניעס, קרײַזן, אָוונטן וכדומה.

די באַוועגונג האָט אויך אַרומגעכאַפּט די פּראָווינץ. שוין בײַם הײַנטיקן טאָג ציילט די געזעלשאַפֿט צענדליקער אָפּטיילונגען, דערבײַ געהערן דאָ די גרעסטע שטעט אין פּוילן, ווי: קראָקע, לאָדזש, לעמבערג, ווילנע א. אַ. אין אַנדערע שטעט שאַפֿן זיך נײַע אָפּטיילונגען. פֿון טאָג צו טאָג וואַקסט די פּאָפּולערקייט פֿון דער געזעלשאַפֿט און ס'קומען בסדר צו הונדערטער מיטגלידער.

וואָס באַווײַזט דערדאָזיקער בסדרדיקער וווּקס? ער זאָגט קודם־כּל עדות וועגן דעם, אַז דער באָדן פֿאַר דער אַרבעט פֿון דער געזעלשאַפֿט איז געווען צוגעגרייט, אַז ס'איז געווען אַ גרויסע באַדערפֿעניש פֿאַר דער לאַנדקענטעניש־אַרבעט צווישן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג.

דערדאָזיקער וווּקס טראָגט אָבער אין זיך גרויסע געפֿאַרן. ס'דראָט די סכּנה, אַז די דאָזיקע באַוועגונג זאָל פֿאַרפֿלאַכט ווערן, אַז בײַ דער גרויסער צאָל מיטגלידער זאָל די אַרבעט נישט געפֿירט ווערן אינטענסיוו, נאָר זאָל זיך רעדוצירן צו דער ריין־טעכנישער לאַנדקענטעניש־טעטיקייט, צו אונטערהאַלטן און פֿאַרווײַלונגען. די באַוועגונג פֿאַר לאַנדקענטעניש איז געוואַקסן אַזוי גיך, אַז דער גרינדער־קרײַז האָט נאָך נישט באַוויזן צו פֿאַרטיפֿן די אַרבעט, דערגרייכן צו איר תּוכן און אויסקריסטאַליזירן דעם איגנטלעכן אינהאַלט, וועלכן ס'דאַרף טראָגן אַ ייִדישע לאַנדקענטעניש־געזעלשאַפֿט און נישט אַ לאַנדקענטעניש־געזעלשאַפֿט פֿאַר ייִדן.

וואָרום מען דאַרף זיך אָפּגעבן אַ דין-וחשבון צוליב וועלכע צוועקן איז געשאַפן געוואָרן די באַזונדערע לאַנדקענטניש-געזעלשאַפט? צי צוליב דעם, וואָס אין די פּוילישע לאַנדקענטניש-געזעלשאַפטן נעמט מען בכלל אָדער נישט גערן אָן יידן? ניין! נישט בלויז צוליב דעמדאָזיקן טעם זענען די פּיאָנערן פון דער יידישער לאַנדקענטניש-באַוועגונג צוגעטרעטן צו שאַפן אַ באַזונדערע יידישע געזעלשאַפט. זיי האָבן עס געטון דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ דין-וחשבון, אַז די פּוילישע לאַנדקענטניש-געזעלשאַפטן באַריקזיכטיקן כלל נישט די יידישע אַלטערטימלעכקייטן, די באַזונדערע יידישע סביבה.

דאָס איז אַלזאָ די ערשטע און די וויכטיקסטע סיבה, וואָס איז געשטאַנען ביים וויגעלע פון דער געזעלשאַפט.

פון דערדאָזיקער אַלגעמיינער סיבה דרינגען שוין אַרויס אונזערע באַזונדערע אויפגאַבן, וועלכע זענען אָבער — צום באַדויערן — ביזן היינטיקן טאָג ווייניק גענומען געוואָרן אין אַכט.

אונדזער אויפגאַבע איז פאָרשן די באַזונדערע יידישע סביבה, מיט וועלכער מיר ווילן און דאַרפן באַקענען אונזערע מיטגלידער — אחוץ, פאַרשטייט זיך, דער אַלגעמיינער פּוילישער סביבה. די יידישע לאַנדקענטניש-געזעלשאַפט האָט אויף דעם געביט באַזונדערע אויפגאַבן, אַנדערע ווי ביי די אמות העולם. ביי די אמות העולם פאַרנעמט דעם אויבנאָן דער ערשטער מאָמענט: דאָס פאָרשן אַ צווייטראַנגיקע ראָל, דער עיקר אַכט ווערט געלייגט אויף באַקענען די עפנטלעכקייט מיט די שוין אויסגעפאָרשטע אָביעקטן, בעת ביי אונז מוז געטון ווערן סיי דאָס ערשטע און סיי דאָס צווייטע. אמת, מיר האָבן אַ יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, וועלכער האָט אַסך אויפגעטון אויפן געביט פון פאָרשונגען איבער דער יידישער סביבה אָבער ביי די קנאַפּע מאַטעריעלע מעגלעכקייטן, ביי דעם גרויסן פאַרנעם פון ייווא, וואָס טראָגט אַ וועלט-כאַראַקטער, קענען נישט ביי די אויספאָרשונגען גענומען ווערן אין אַכט די לאָקאַלע אָביעקטן.

די יידישע לאַנדקענטניש-געזעלשאַפטן דאַרפן דעריבער נעמען אויף זיך די אויפגאַבן, וועלכע ס'דערפילן ביי אונדזערע שכנים די אָפּטיילונגען פון דער „געזעלשאַפט-פריינט פון וויסנשאַפטן" (Towarzystwo Przyjaciół Nauk) אָדער אַנדערע געזעלשאַפטן מיט אַן ענלעכן כאַראַקטער, וואָס ווערן מיט אַ ברייטער האַנט געשטיצט נישט בלויז דורך דער אָרטיקער פּוילישער געזעלשאַפט, נאָר דער עיקר דורך די זעלבסטפאַרוואַלטונגס-אָרגאַנען און דורך דער מלוכה.

אונדזערע לאַנדקענטניש-געזעלשאַפטן וועלן דעריבער האָבן פאַר אַן אויפגאַבע מיטהעלפן אויסצופאָרשן די געשיכטע פון די יידן אין



זייער שטאָט, די געשיכטע פון די יידישע אַלטערטימלעכקייטן, ווי: שולן, בית-עלמינס וכדומה. ס'דאַרפן אין יעדער אָפּטיילונג געשאַפן ווערן קרייזן פון ליבהאָבער, וואָס זאָלן צונויפזאַמלען אָט די אַלע מאַטעריאַלן וועגן דער יידישער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע זאָלן דערנאָך באַאַרבעט ווערן דורך געניטע זאַכקענער פון געשיכטע און פון אַלטערטימלעכקייטן.

דער ביישפּיל פון דעם שטעטל פּרוזשענע ווו אַ גרופּע יונגע קולטור-טוער מיט דער אָרטיקער י. ש. אָ. בראש האָט צונויפגעזאַמלט מאַטעריאַלן און דערנאָך אַרויסגעגעבן אַ וווּנדערבאַרע מאָנאָגראַפיע פון זייער קהלה איז אַ באַווייז, אַז ביי אַ גוטן ווילן קענען היינט אויפגעזאַמלט ווערן די אַלע מאַטעריאַלן און אַז ביי אַ געהעריקער אָרגאַניזאַציע קענען אויך געשאַפן ווערן די נויטיקע מיטלען דערצו.

דידאָזיקע מאָנאָגראַפיעס פון קהלות און פון אָרטיקע אַלטערטימלעכקייטן זענען אונדז נויטיק קודם-כל צו ריינער לאַנדקענטניש-אַרבעט, וואָרום מען קען דאָך נישט אַרומפירן אויספלוגן און באַווייזן די אַלטערטימלעכקייטן ווילאַנג מען האָט זיך אַליין נישט באַקענט מיט דידאָזיקע אָביעקטן.

דאָס זאַמלען מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער אָרטיקער קהלה, דאָס זאַמלען ידיעות וועגן די אַלטערטימלעכקייטן וועט אויך האָבן אַ גרויסן דערציערישן ווערט. דאָס וועט אונדז העלפן שאַפן אַ קאַדער פון ליבהאָבער פון יידישע אַלטערטימלעכקייטן, וועלכע וועלן האָבן דערפאַר די געהעריקע פאַרשטענדניש. אַ דאַנק דעם וועט זיך אונדז איינגעבן צו שאַפן די גרופּע, וואָס וועט אויך דערפילן אַ צווייטע, זייער וויכטיקע אויפגאַבע: די קאָנסערוואַציע (דאָס אויפהיטן) די יידישע אַלטערטימלעכקייטן. דאָ איז נישט דער אָרט זיך גענויער אויף דעם אָפּצושטעלן. אָבער יעדער, וועמען ס'איז אויסגעקומען צו זיין אין אַ שטעטל, ווו ס'איז פאַראַן אַן אַלטע היסטאָרישע שול איז באַוווּסט, וואָס פאַר אַ וויכטיקע אויפגאַבע דאָס איז די קאָנסערוואַציע פון יידישע אַלטערטימלעכקייטן.

לאַנדקענטניש אין אמתן זין פון וואָרט הייסט דערקענען נישט בלויז די פאַרגאַנגענהייט פון דער שטאָט מיט אירע אַלטערטימלעכקייטן, נאָר דאָס הייסט אויך דערקענען דאָס פאָלק מיט זיין רייכער יאָרהונדערט-לאַנגער שאַפונג, מיט זיין פאָלקלאָר. דאָס זאַמלען מאַטעריאַלן פון פאָלקלאָר און עטנאָגראַפיע וועט נישט נאָר באַרייכערן דאָס וויסן פון די מיטגלידער פון אונדזערע פאָלקלאָריסטיש-עטנאָגראַפישע קרייזן נאָר וועט אויך האָבן אַ גרויסע באַדייטונג אויף אָפּצושוואַכן די אַסימילאַציע-טענדענצן ביי דער גרויסער צאָל אינטעליגענץ, וואָס גרופּירט זיך אַרום אונדזער באַוועגונג.

דאָס אַרייַנציִען וואָס אַ גרעסערע צאָל מיטגלידער אין דידאָזיקע קרייזן וועט שטאַרקן דעם אינטערעס צו יידיש און יידישער ליטעראַטור, וועלכע זענען אַ בריטווענדיקער פאַרבאַרייטונג פאַר דער אַרבעט אין די קרייזן. די אַרויסטרעטונגען פון די דראַמאַטישע קרייזן ביי דידאָזיקע פאָלקלאָריסטישע קרייזן וועלן אויך שטאַרקן ביי דער ברייטער מאַסע פון אונדזערע מיטגלידער דעם אינטערעס צו די יידישע פאָלקסשאַפונגען, צום פאָלקלאָר און עטנאָגראַפיע, ווי אויך צו דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך און וועלן אַזוי אַרום זיין אַ מיטל אויף אַנטקעגנצווירקן דער אַסימילאַציע-מגפה אין אונדזערע רייען.

דערקענען די יידישע סביבה ד. ה. אויך דערקענען די סאָציאַל-עקאָנאָמישע באַדינגונגען, אין וועלכע ס'קומט אויס צו לעבן דער יידישער באַפעלקערונג. דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען איבער דער ווירטשאַפטלעכער לאַגע און אַנטוויקלונג פון באַזונדערע יידישע ישובים. דאָ קומט אין באַטראַכט דאָס אויספאָרשן די איינגאַרטיקע סאָציאַל-עקאָנאָמישע סביבה פון יעדן אָרט באַזונדער: דאָס אויספאָרשן די איינגאַרטיקע אָרטיקע פרנסות, דעם לעבנשטייגער פון די באַזונדערע פאַכן וכדומה.

אַ וויכטיק אָרט דאַרף דאָ אויך פאַרנעמען די אויספאָרשונג פון דער יידישער הויז-אינדוסטריע, וואָס ציט שוין ביי יידן, בפרט ביי יידישע פרויען זיין יחוס צייט לאַנגע יאָרהונדערטער. אין היינטיקע צייטן, בעת די לאָזונג פון פּראָדוקטיוויזירן, פון אויסזוכן נייע פרנסות איז אַזוי אַקטועל, קען די אויספאָרשונג פון דער הויז-אינדוסטריע האָבן אַ געוויסן ווערט.

דאָס זענען אין אַלגעמיינע שטריכן דידאָזיקע אויפגאַבן, וועלכע אונדזערע אָפּטיילונגען דאַרפן דערפילן, כדי צו באַפרידיקן דידאָזיקע באַדערפענישן, צוליב וועלכע די יידישע געזעלשאַפט פאַר לאַנדקענטעניש איז אַנטשטאַנען.

* * *

באַקענט מען זיך מיט די אויפגאַבן פון אונדזער געזעלשאַפט, וועט אונדז שוין קלאָר זיין דאָס פּראָגראַם פון דער שריפט וועלכע מיר טרעטן איצט צו אַרויסצוגעבן. קודם-כל וועט די שריפט זיך באַמיִען צו באַקענען די ברייטסטע מיטגלידער-שיכטן פון אונדזערע געזעלשאַפט מיט די ספּעציפישע אויפגאַבן פון דער יידישער לאַנד-קענטעניש-באַוועגונג. מיר וועלן שטרעבן אויף די שפּאַלטן פון אונדזער אָרגאַן אַדורכצופירן אַ דיסקוסיע איבער די ספּעציפישע אויפגאַבן פון אונדזער באַוועגונג און אויסקריסטאַליזירן אַן אַלגעמיין פּראָגראַם, וואָס זאָל חל-זיין אויף אַלע אָפּטיילונגען.

אונדזער אָרגאַן וועט זיך באַמיִען צו סטימולירן די פאָרשונגען פון דער יידישער סביבה, וואָס ווערן אַדורכגעפירט דורך די אָפּטיילונגען פון אונדזער געזעלשאַפט, ווי אויך דורך איינצעלנע יחידים-וויסנשאַפטלער וועלכע שטייען מיט אונדז אין פאַרבינדונג. מיר וועלן דעריבער פאַרעפנטלעכן די רעזולטאַטן פון די פאָרשונגען אויפן געביט פון אַלטערטימלעכקייטן, ווי אויך אויפן געביט פון פאָלקלאָר און עטנאָגראַפיע.

אונדזער שריפט וועט אויסער די ריין-יידישע פּראָבלעמען פון דער לאַנדקענטעניש-באַוועגונג זיין אַ טריבונע, ווו ס'וועלן באַרירט ווערן די אַלגעמיינע ריין-טוריסטישע פראַגן פון אונדזער באַוועגונג. דער אָרגאַן וועט דורכפירן אַן ערנסטע דיסקוסיע איבער די עיקר-פּראָבלעמען פון אונדזער אַלגעמיינער לאַנדקענטעניש-טעטיקייט. אַזעלכע פראַגן ווי די ראַציאָנאַליזאַציע פון אונדזערע קאָלאָניעס, די אָרגאַניזאַציע פון קולטור און אַנדערע קרייזן, דאָס פּראָבלעם פון אינסטרוקציע-אָפּטיילונגען א. אַ. וועלן באַלויכטן ווערן אויף די שפּאַלטן פון אונדזער אָרגאַן. בכלל וועלן מיר פּרוּוון געבן אַן אָפּשאַצונג פון דער ביזאַיצטיקער טעטיקייט פון אונדזערע אָפּטיילונגען און באַמיִען זיך שאַפן די ראַציאָנעלסטע מעטאָדן פון אַרבעט אויפן געביט פון לאַנדקענטעניש.

די לאַנדקענטעניש-באַוועגונג איז ביז נישט לאַנג געווען אומבאַקאַנט אויף דער יידישער גאַס. בעת אַנדערע לאַנדקענטעניש-געזעלשאַפטן האָבן שוין אונטער זיך אַ פערטל יאָרהונדערט, אָדער אַפילו מערער יאָרן אַרבעט, שטעלן מיר ערשט די ערשטע טריט. אונדזער אַרבעט איז אַ שווערע: דאָס הונדערטיאָריקע שטאָטישע לעבן, די דערווייטערטקייט פון דער נאַטור, דאָס וווינען אין די ענגע, דושנע געטאָ-מויערן האָט גורם געווען, אַז פאַר דעם ייד איז פרעמד און ווייט די נאַטור מיט איר שיינקייט און פּראַכט.

די לאַנדקענטעניש-באַוועגונג האָט איצט פאַר אַן אויפגאַבע צו פאַרריכטן די אַנאָמאַליע, וואָס יאָרהונדערטער פון געשיכטע האָבן געשאַפן אין יידישן לעבן. די שריפטן פון דער לאַנדקענטעניש-געזעלשאַפט וועלן טאַקע פּרוּוון לייזן אָט דעמדאָזיקן וויכטיקן פּראָבלעם, וויאַזוי צוריק דערנענטערן דעם ייד צו דער נאַטור, וויאַזוי וועקן אין אים דעם דורשט און בענקשאַפט צו דער נאַטור און צו אירע שיינקייטן.

די פראַגע, וויאַזוי פירן די פּראָפּאַגאַנדע פון טוריסטיק און לאַנד-קענטעניש צווישן די ברייטסטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועט

פאַרנעמען אַ וויכטיק אָרט אין אונדזערע שריפטן. נישט געקוקט אויף דעם וואָס 7 יאָר עקזיסטירט שוין די לאַנדקענטניש-באַוועגונג, נישט געקוקט אויף הונדערטער אויספלוגן האָט זיך נאָכנישט איינגעגעבן בייצוקומען די ביטול-באַציאונג „צו דראַפּען זיך אויף די בערג", צו מאַכן „וויטשעטשקעס" וכדומה. די שריפטן פון לאַנדקענטניש-געזעלשאַפט באַקענענדיק די ברייטע עפנטלעכקייט מיט די גרויסע דערציערישע ווערטן פון דער לאַנדקענטניש-באַוועגונג וועלן אַזויאַרום מיטהעלפן, אַז אויך די באַציאונג פון עלטערן דור צו טוריסטיק און לאַנדקענטניש זאָל געענדערט ווערן.

דער היזיקער וווּקס פון אונדזער באַוועגונג, דער גרויסער אינטערעס צו די פראַגן פון קולטורעלער און וויסנשאַפטלעכער אַרבעט אין די רייען פון אונדזערע אָפּטיילונגען גיבן אונדז דעם בטחון, אַז דער אָרגאַן, וועלכער ווערט אַרויסגעגעבן לויט דעם איינשטימיקן באַשלוס פון דעם לעצטן צוזאַמענפאָר, וועט געפינען דעם געהעריקן אָפּקלאַנג ביי די מיטגלידער און פריינט פון אונדזער באַוועגונג. מיר האָבן דעם טיפן גלויבן, אַז אַרום אונדזער אָרגאַן וועט זיך אַנטוויקלען אַ ברייט-פאַרצווייגטע, פרוכטבאַרע קולטור-אַרבעט, און אַז פאַר די אָפּטיילונגען וועלן מיר זיין דער וועגווייזער אין די בייע פּראָבלעמען און פראַגן, וואָס שטייען פאַר דער לאַנדקענטניש-באַוועגונג. אַדורכגעדרונגען מיט דעמדאָזיקן גלויבן גיבן מיר איבער די ערשטע שריפט אונדזערע פריינט און לעזער מיט דעם הייסן רוף צו דער מיטהילף ביים פאַרפעסטיקן דעם קיום פון אָרגאַן, ביים באַרייכערן און פאַרטיפן זיין אינהאַלט.



מ. בורשטין

# א נייער פאקטאר אין יידישן לעבן

טוריסטיק, פאַר ייִדן?

עס קלינגט ניי און פרעמד. וועלכער ייד איז דען נישט קיין טוריסט? אונדזערע עמיגראַנטן מאַכן וווּנדערבאַרע רייזעס איבער די וויטסטע לענדער און ימען. יידישע קאָמיוואָיאַזשאָרן מעסטן אויס די פאַרוואָרפענסטע מקומות, מיט יידיש קאָן מען אַרומרייזן אַ וועלט. און דער עולם האָט טאַקע געקרייזט. לעצטנס אָבער האָט זיך די אַרט „טוריסטיק" ביי יידן אָפּגעשטעלט. מען האָט זי אָפּגעשטעלט.

מיר האָבן כמעט אויפגעהערט צו וואַנדערן און זענען געוואָרן פעסטע, איינגעזעסענע בירגער, וואָס עלטערן זיך אין נחת און פריידן צווישן ענגע מויערן און דושנע הייף.

*

מיר זענען אַ שטאָטישער עלעמענט.

היסטאָרישע און עקאָנאָמישע פאַקטאָרן האָבן אונדז אָפּגעריסן פון דער נאַטור און איינגעשלאָסן אין באַזונדערע קוואַרטאַלן. שטענדיק זענען דאָס געווען נישט פאַסיגע פלעצער. נישט געזונטע, פאַרוואָרלאָזטע ערטער האָט מען אָפּגעגעבן פאַר די געטאָס, דאָס זבוּריות פון די שטעט. דאָס איז געבליבן נישט אָן איינפלוס אויף אונדזער פסיכיק, אויף אונדזער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער פיזיגנאָמיע. פיזישע דעגענעראַציע און גייסטיקע פאַרקריפּלונג פון איין זייט. מיר זענען אַ פאַראיבערגייענדיקע דערשיינונג—האָט מען געזאָגט-אָט-אָט און מיר גייען אונטער, האָבן שונאים זיך געפרייט. און פון אינעווייניק האָט מען סיילוויין צוגעשטימט צו דעם אומפאַרמיידלעכן אַזוי צו זאָגן נאַטור-געזעץ...

פון דער צווייטער זייט גרויסער שווּנג, גענייאַלע יחידים, שאַפונג פון עטישע און וויסנשאַפטלעכע ווערטן. אָבער אויך דאָס פאָזיטיווע האָט אירע ספּעציפיש יידישע אייגנשאַפטן. מיר האָבן אַרויסגעגעבן איינשטיינס און פרוידס. זייער ווייניק אָבער פון אונדז ווייסן וויאַזוי צו באַצייכענען אַ צוויקס, אָנצורופן מיט דעם ריכטיקן נאָמען אַ בלום. באַרימטע מאַטעמאַטיקער, פיזיקער, סאָציאָלאָגן, אָבער נישט קיין באָטאַניקער, נישט קיין געאָ-

גראַפֿן פֿון דער זעלבער קוואַליטעט. די אָפּגעריסנקייט פֿון דער ערד, אַ מהלך פֿון דורות, האָט אין אַ גרויסער מאָס אָפּגעטעמפּט אונדזערע פֿעאיקייטן צו אָבסערווירן, צו קוקן מיט אָפֿענע אויגן אויף די אַרומיקע נאַטור און זייענדיק אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין אינערלעכער קאָנטעמפּלאַציע, אין דענקען און אַנאַליזירן האָבן מיר אין דעריבערער פּראָפּאָרציע פֿאַרלוירן דעם חוש פֿאַר אויסערלעכקייט, פֿאַר פֿאָרם. עס לאָזט זיך מערקן אַפֿילו אין דער ליטעראַטור. זי איז מיסטיש, פּובליציסטיש, שלאָג־פּאַרטיק. אין דער פּלאַסטיק אָבער – שטאַרק הינטערשטעליק.

hyper development of inner life to detriment of external

אַ פּראָדוקט פֿון אַ געקינצלטן לעבנס־שטייגער.

*

אַז דאָס איינזייטיקע שטאָטישע לעבן אונדזערס טראָגט אין זיך געפֿאַרן, באַווייזט אַמבולטסטן דער צוזאַמענברוך פֿון אונדזער עקאָנאָמיק. די ספּעציפֿישע ווירטשאַפֿט אונדזערע, וואָס באַגרענעצט זיך בלויז אויף דער שטאָט איז נישט פֿון ווייטער מעטע. ביי געענדערטע באַדינגונגען, ביי נייע געזעלשאַפֿטלעכע שטרעמונגען.. בלייבן מיר הענגען אינדערלופֿטן. אין בעסטן פֿאַל אָנגעוויזן אויף חסד פֿון די, וואָס האָבן צו זאָגן און געבעטן ביי דער נייער קאָניונקטור.

איז דערום פֿאַרשטענדלעך, – וואָס מיר ווערן פֿאַרהילכט פֿון אַלאַרם־געשרייען: פּראָדוקטיוויזאַציע, צוריק צו דער ערד.

Productivization

עס בלייבן אָבער אין גרעסטן טייל נישט מער ווי פֿראַזן, הוילע ווערטער. מיר פּראָדוקטיוויזירן זיך אין זייער אַ שוואַכן טעמפּאָ און דער מהלך צוריק צו דער ערד איז אויף אַ האָר נישט קלענער געוואָרן.

ווו ליגט די סיבה פֿון דער אומבאַהאָלפֿנקייט?

די לאָזונגען וועגן פֿיזישער דעגענעראַציע, וועגן עסטעטיק ביי יידן הערן זיך שוין יאָר־צענדליקער. זיי פֿאַלן זיך צונויף מיט דער השכלה־באַוועגונג און פֿאַנאַנדערבלי פֿון דער העברעאישער ליטעראַטור. האַמאַנטיקער, ווי מאַפּו און מיכל, ראַציאָנאַליסטן, ווי רבי יצחק בער לעווינזאָן זענען געווען די פֿאָרגענגער. די אייגנטלעכע שטרעבונג איז געווען איבערצובויען די יסודות פֿון יידישן לעבן און דאָס פּראָבלעם איבער אַלע פּראָבלעמען איז געוואָרן: ערד.

ideological roots

אָבער אין צייטן פֿון טעכנישער און מאַטעריעלער קולטור האָבן ראָמאַנטישע שטרעמונגען פֿאַרלוירן זייער באַדייטונג. ליבע צו דער נאַטור, צוגעבונדנקייט צו דער ערד וועקט מען שוין נישט מיטן בלויזן וואָרט. דאָ פֿאָדערן זיך גאַנץ אַנדערע מיטלען. ביי אונדז גלייבט מען שטאַרק אין אויסערלעכע פֿאַקטאָרן. עקסטערמינאַציע, פּויפּעריזאַציע – אַזוי רעכנט מען –



וועלן במילא צווינגען די יידישע מאַסן איבערצוגיין צום באָדן. העכסטנס לאָזט זיך רעדן וועגן פֿיזישער צעריטונג. מען שעצט אָבער שטאַרק אונטער, אָדער מען פֿאַרשטייט אינגאַנצן נישט די באַדייטונג פֿון אינערלעכער, פּסיכאָלאָגישער צוגרייטונג. דאָס פּלוצלונגדיקע איבערגיין פֿון דער שטאָט צו אַ פּרימיטיוון דאָרפֿישן אַרט לעבן איז אָפֿטמאָל אַ שפּרונג אין דער פֿינסטערניש מיט טרויעריקע קאָנסעקווענצן פֿאַר דער אידיי און פֿאַר דעם יחיד. אין דעם פֿאַל נויטיקט זיך אַ לאַנגזאַמע און פּערמאַנענטע צוגרייטונג. און דאָ קומט אונדז צו הילף די טוריסטיק. מיר מיינען דאָ נישט די טוריסטיק, וואָס שטייט אין אײן אין שלאָף וואַגאָנען און לוקסוס־אויטאָמאָבילן. אין מערב אייראָפּע איז לעצטנס די טוריסטיק געוואָרן אַ פֿאָלקס־באַוועגונג, וואָס נעמט אַרום אַלע סאָציאַלע שיכטן, אַנאַלאָגיש צום ספּאָרט. מען גיט זיך אָפּ אַ געהעריקן חשבון פֿון דער גרויסער באַדייטונג, וואָס דער נייער קולטורעלער פֿאַקטאָר לייסטעט פֿאַר דער פֿיזישער און גייסטיקער אַנטוויקלונג פֿון דער ראַסע. דאָס וואַנדערן איבערן לאַנד, דאָס פֿאַרברענגען אין דאָרף, אין די בערג, ביים ברעג ים שאַפֿט ביי דעם שטאָטישן מענטשן דעם דראַנג, די באַדערפֿעניש איבערצוגיין צו געזונטערע לעבנס־פֿאָרמען; ביי אונדז יידן קאָן דאָס ווערן אַ וויכטיקער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט אין אונדזער שטרעבונג צו פּראָדוקטיוויזאַציע, צו ערד. דערמאָלט הערן די לאָזונגען אויף צו זיין ווערטער. זיי ווערן טאַטן, קאָנקרעטע מעשים בכל יום. און מיר קענען פֿעסטשטעלן, מיר זענען עדות פֿון אַ נייער דערשיינונג ביי יידן: אונדזערע סוחרים און אינטעליגענטן, טיילווייז אויך בעלי־מלאכות און פּראָלעטאַריער. וואָס פֿירן אַ זיצנדיקן לעבנסשטייגער, הייבן שוין אָן צו פֿאַרשטיין, אַז עס איז געזונט אָפּצורייסן זיך אויף אַ גרעסערער צייט פֿון וואַרשטאַט און ביוראָ, צו נעמען דעם שטעקן (נישט דעם וואַנדערשטעקן) אין דער האַנט אַריין, דעם רוקזאַק אויף די פּלייצעס און אַרויסלאָזן זיך איבערן לאַנד אַנצוזעטיקן זיך מיט שיינקייט און שעפֿן פֿרישע כּוחות צום לעבנס־קאַמף.

דאָס פֿלעגן טוריסטיק צווישן יידן איז נאָך אויסן אַנדערע צילן, וואָס זענען פֿאַרלויפֿיג פֿאַרהוילן פֿון אונדזערע אויגן.

*

מיר האָבן אָפּט ליב אָנצוווייזן אויף דאָקומענטן, ווען מען גרייפֿט אָן אונדזערע בירגערלעכע רעכט.

ווי לאַנג וווינען מיר אויף דער פּוילישער ערד? אַכט הונדערט, ניין הונדערט יאָר? וויכטיקער אָבער פֿון די יחוס־בריוו איז די פֿאַקטישע צונויפֿגעבונדנקייט מיט דעם לאַנד.

לענג-אויס די פּוילישע טייכן ליגן שטעט און ישובים מיט אַן איינגעפונדעוועט, פאַרשידנפאַרביק יידיש לעבן פון הונדערטער יאָרן. דאָס איז אונדזער היינטערלאַנד. דאָס שטעטל מיט זיין וועלדל און טייכל מיט די שכנותדיקע דערפער אַרום האָט באַדייט, די אוממיטלבאַרע, אָרגאַנישע צוגעבונדנקייט צו דער נאַטור, אויף וויפל אַזאַ צוגעבונדנקייט איז מעגליך געווען ביי די ספּעציפישע באַדינגונגען, אין וועלכע אונדז קומט אויס צו לעבן. אָבער די שטאָט פּרעסט אויף די קליינע ישובים און דער מרחק צום לאַנד ווערט פאַר אונדז אַפילו ריין פּסיכאָלאָגיש אַלץ ווייטער און ווייטער. צוליב דער ענדערונג פון דער עקאָנאָמישער קאָניונקטור פאַרלירן מיר דעם קאָנטאַקט מיטן דאָרף, מיר מוזן אים צוריק געפינען. די באַרירונג מיט דער ערד איז אַן אומבאַדינגטע נויטיקייט אויפצוהאַלטן אונדזער עקזיסטענץ. זי פאַרפּעסטיקט און פאַרבירגערט אונדז אין לאַנד, וואָרצלט איין ביי אונדזערע שכנים דעם באַגריף פון אונדזער גלייכקייט און באַרעכטיגונג. און אויב מיר קענען נישט אַצינד דעם ציל דערגרייכן אויף אַ דירעקטן אופן דורכן באַזעצן יידן אויפן לאַנד, וועלן מיר דורך שאַפן דעם קאָנטאַקט מיטן לאַנד, צוגרייטן דעם באָדן פאַר דער צוקונפט, ווען עס וועלן זיך שאַפן גינסטיקע באַדינגונגען.

די יידישע מאַסן-טוריסטיק קאָן אויף דעם געביט זייער פיל אויפטון.

new rationale for the ...

*

האַנט ביי האַנט מיט דער טוריסטיק גייט די לאַנד-קענטעניש. וואָס איז לאַנד-קענטעניש? אין דער ערשטער ריי פאָלקסקענטעניש. דאָס איז ביי אונדז אַ פאַרוואָרלאָזט פעלד. מיר האָבן טענות צו דער וועלט פאַרוואָס מען קען אונדז נישט. און מיר אַליין, צי קענען מיר זיך יאָ? אונדזערע אינטעליגענץ אין די גרויסע שטעט, וואָס איז האַלב אַסימילירט, האָט אָפט קיין אַנונג נישט פון דעם טראַדיציאָנעלן לעבנס-שטייגער, וואָס האָט זיך נאָך אויפגעהאַלטן אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך אין פּוילן. די פאָלקס-שאַפונג — אַן אומדערשעפּלעכער קוואַל פון וועלכן געלערנטע און קינסטלער ביי אַנדערע פעלקער שעפּן אינספּיראַציע און באַגייסטערונג פאַר זייערע ווערק — איז ביי אונדז אינגאַנצן נישט אָפּגעשאַצט, פון סנאָבן פאַראַכטעט. אַ תהום ליגט דעריבער צווישן דעם גרויסשטאָטישן מאָדערנעם ייד און זיין ברודער, וואָס לעבט זיך אויס אין זיין אייגנאַרטיקער וועלט. די פאָלקס-קענטעניש, אַ טייל פון דער לאַנד-קענטעניש, מיינט דעם אָט אָ תהום צו פאַרשיטן, באַרייכערנדיק אין דער זעלבער צייט אונדזער קולטור מיט די פּערלען פון דער פאָלקס-שאַפונג, וואָס ליגן נאָך אויפן אָפּגרונט.

close the gap between urban intellectuals & the provincial folk



Jewish tourism can help overcome the growing geog. fragmentation

*

די אויפגאַבן פון דער יידישער טוריסטיק, ווי אויבן אויפגעפּאַסט, באַגרענעצן זיך נישט בלויז אויף פּוילן. מיר זענען אַן עקסטעריטאָריאַל פאָלק. דאָס וואַקסן פון יידישע קבוצים אין פאַרשידענע לענדער און זייער פונאַנדערפאַלן שיינט צו זיין אַ פּערמאַנענטע דערשיינונג, אַן אומאויפהערלעכער פּראָצעס. אין יעצטיקן מאָמענט ווערן מיר צעבראָקלט אין קליינע און קלענערע גרופּעס, צעוואָרפן ביי די ברעגעס פון אַלע אָקעאַנען. וואָס פאַראייניקט זיי אַצינד? דער רעליגיעזער פאַרבאַנד, וואָס האָט ביז נישט לאַנג פאַראייניקט דעם גרעסטן טייל פון פאָלק איז כמעט ווי אויפגעלעזט. דער גלויבן פון די יידן, פון דעם וועלטלעך יידנטום איז געטיילט. ווער עס גלייבט (פון גלויבן זענען מיר טאָקע ווייט נישט אַוועק...) אין נאַציאָנאַלע אידעאַלן מיט פּערספּעקטיוון און אויסבליקן אין דער ווייטער צוקונפט און ווער עס האַלט זיך אָן דער מאָדערנער יידישער קולטור. אין רעאַלן לעבן זענען דאָס אָבער מערסטנטייל אַבסטראַקציעס, וואָס שטויסן זיך אָן אָן דער האַרטער ווירקלעכקייט אין יעדן לאַנד באַזונדער. דעם קערנדיק נאַציאָנאַלן קומט אומעטום אויס צו פירן אַ שווערן קאַמף און נישט אַלעמאָל זענען די נצחונות אויף אונדזער זייט. אין דעם צושטאַנד האָט אַ גרויסע באַדייטונג פאַרן אויפהאַלטן פון אַן אייגנהייטלעכער יידישער עטנישקייט דער אומדירעקטער פאַקטאָר, דאָס קומען אין באַרירונג פנים אל פנים פון דעם לעבעדיקן מענטשן, פון גרופּעס און יחידים. און דאָ וואַרפט זיך ממש אין די אויגן דער נוצן פון דער מאָדערנער יידישער פאָלקס-טוריסטיק. זי ווירקט מער ווי הוילע, אַבסטראַקטע ווערטער וועגן אַן אויסגעחלומט יידיש לעבן.

Religion no longer binding

ווער עס האָט אין זינען די קאָנצענטראַציע פון אונדזערע נאַציאָנאַלע כוחות מוז אַ ווענד טון זיין בליק אויך אין דער ריכטונג פון געמיינזאַמען אויסטויש צווישן יידן אין פאַרשידענע לענדער מיטן צוועק זיך געגנזייטיק צו באַקענען.

די טוריסטיק קאָן ווערן אַ בויענדיקער פאַקטאָר אין יידישן לעבן.

---

our national ideals are still so far from being realized
rubbing shoulders with other Jews will go a long way
to sustaining our ethnic identity

אין אַט דער צייט האָט זיך דאָס שטעטל פונאַנדערגעבליט, די שטראָזן האָבן נישט גערוט דורך טעג און נאַכט. ס'פאַרשטייט זיך, אַז די ייִדן פון שטעטל האָבן מיטגעאַרבעט אין אַט דער פאַבריק. אַן ערך פון 200 ייִדישע מיידלעך האָבן געפינען באַשעפטיקונג. די עקספלאָטאַציע איז דערפירט געוואָרן ביז צום העכסטן פונקט. די פאַבריק האָט געאַרבעט דורך אַלע 7 טעג פון וואָך, בייטאָג און ביינאַכט.

אין יאָר 1887 איז אַט דער גרויס־אינדוסטריעלער זיגמונט ווייזער געשטאָרבן אין לעמבערג פון אַן אַפאָפלעקסיע נאָך אַן אַודיענץ מיט קייזער פראַנץ יאָזעף.

די לייטונג פון דער פאַבריק איז איבערגעגאַנגען צו די קינדער. די עקספלואַטאַציע האָט אָבער ווייטער אָנגעהאַלטן. אין יאָר 1910 איז אויסגעבראָכן דער ערשטער שטרייק אין דער פאַפיר־פאַבריק, אָרגאַניזירט דורך דער פועלי־ציון אָרגאַניזאַציע. דער שטרייק האָט אָנגעהאַלטן אַן ערך פון 4 וואָכן. ס'איז געקומען צו אַ סאָלידאַרישער פאַראייניקונג פון אוקראַאינישע, פוילישע און ייִדישע אַרבעטער. די אָנפירער פון שטרייק זענען געווען: שמואל קורץ, הענאָך שעפס און אָ. שטערקאָווסקי (דער אין יאָר 1931 פאַרשטאָרבענער אוקראַאינישער סענאַטאָר). מען האָט באַקומען אַ 40 פראָצענטיקע לוין־העכערונג.

בעת דער מלחמה איז די פאַבריק דורך דער צאַרישער אַרמיי צעשטערט געוואָרן, הונדערטער מאַשינען זענען פאַרנומען געוואָרן. אין יאָר 1932 איז אַ געזעלשאַפט צוגעטרעטן צו צענעמען די חורבות פון דער אַמאָליקער ריזיקער פאַפיר־פאַבריק, און מיט די לעצטע ציגל פון די חורבות איז אויך חרוב געוואָרן די האָפענונג אויף חיונה פון דער באַפעלקערונג און בפרט דער ייִדישער אין סאָסאָוו.

———

די באַפעלקערונג פון סאָסאָוו ציילט היינט־צו־טאָג 3056 מענטשן, דערונטער 1150 ייִדן. פאַר דער ייִדישער באַפעלקערונג איז היינט־צו־טאָג נישט פאַראַן קיין שום אויסזיכטן אויף פרנסה. אין דער צייט, ווען דער עקאָנאָמישער מצב פון די ייִדן איז ביז צו דער מלחמה — געווען אַ זיכערער — לעבן איצט 95 פראָצענט דורך דער היליף פון די קרובים אין אַמעריקע.

די ייִדישע מלאכה אין שטעטל שטאַרבט אָפ. די איינציקע פראָדוקציע, וואָס איז פאַרבליבן, איז שפאָניער, אָבער מיט דער צייט וועט אויך דאָס פאַרשווינדן און אַזוי־אַרום וועט מען מיט יאָרן שפעטער שפאַנען אויף די חורבות פון אַלטן, מיט יאָרן צוריקבליענדיקן ישוב — סאָסאָוו.



צ. טשלענאָוו

# אַ קורצער איבערבליק איבער דער 6־יאָריקער טעטיקייט פון דער ייִדישער לאַנדקענטעניש־געזעלשאַפט

די ייִדישע געזעלשאַפט פאַר לאַנדקענטעניש איז אַנטשטאַנען אין וואַרשע אין נאָוועמבער 1926, לויט דער איניציאַטיוו פון ה' אַ. דובראָוויטש, ביי דער אַקטיווער מיטהילף פון אַ גרופע פערזאָנען: פר' אייכהאָרן, הערץ קושניר, פשיסוסקער, זיידענגאַרטן און דעם שרייבער פון דעם אַרטיקל. די גרופע האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו פאַרשפרייטן דאָס פאַרשטענדניש פאַר טוריסטיק און לאַנדקענטעניש צווישן דער ייִדישער געזעלשאַפט, וואָס האָט ווייניק געהאַט די מעגלעכקייט צו קומען אין אַ דירעקטן קאָנטאַקט מיט דער נאַטור, באַוווינענדיק די ענגע געסלעך פון די שטעט.

ס'איז פאַרלאָפן קוים זעקס יאָר צייט דער גרינדונג פון דער געזעלשאַפט, אָבער דער־דאָזיקער קורצער צייט־אָפשניט איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער לאַנדקענטעניש־באַוועגונג ביי ייִדן. מען קען דרייסט זאָגן, אַז אַדאַנק דער ייִדישער לאַנדקענטעניש־געזעלשאַפט (י. ל. ג.) גיבן זיך אַלץ ברייטערע קרייזן פון דער ייִדישער געזעלשאַפט אָפ מיט טוריסטיק און אַז די לאַנדקענטעניש־אידיי געפינט אָנהענגער צווישן פאַרשידענע קרייזן פון דער געזעלשאַפט. מען מוז אויך מודה זיין, אַז אין אָנהייב פון דער עקזיסטענץ פון דער געזעלשאַפט האָט זיך די ייִדישע געזעלשאַפט באַצויגן צו איר מיט סקעפטיציזם און האָט לגמרי נישט אַרויסגעוויזן קיין פאַראינטערעסירונג מיט די צילן און אויפגאַבן פון דער לאַנדקענטעניש־געזעלשאַפט. דאָס האָט אָבער נישט אָפגעשראָקן די גרופע מענטשן, וועלכע האָבן מיט דער גרעסטער אָפפערוויליקייט געשטרעבט צו זייער ציל און האָבן מיט דער צייט גובר געווען די גרויסע שוועריקייטן, וואָס האָבן זיך זיי אַנטקעגנגעשטעלט.

אין אָנהייב האָט זיך די אַרבעט קאָנצענטרירט אין דער וואַרשעווער אָפטיילונג. אָבער אַדאַנק דער ברייטער פראָפאַגאַנדע, וואָס איז אָנגעגאַנגען

אין דער פּרעסע, האָט זיך איינגעגעבן צו פאַראינטערעסירן מיט דער אידיי אויך די יידישע געזעלשאַפט אין דער פּראָווינץ און אַזוי אַרום זענען אין אַ ריי פּראָווינץ-שטעט, ווי: לענטשיץ, טשענסטאָכאָוו, לאָדז און זאַגלעמביע אַנטשטאַנען אויס איגענער איניציאַטיוו אָפּטיילונגען פון דער לאַנדקענטעניש-געזעלשאַפט.

אין יאָר 1928 האָט די פאַרוואַלטונג פון דער וואַרשעווער אָפּטיילונג געשאַפן אַ ספּעציעלן רעפעראַט פאַר די פּראָווינץ-אָפּטיילונגען. דער דערמאָנטער רעפעראַט האָט זיך ביז צום ערשטן דעלעגאַטן-צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַפּריל 1930, פאַרנומען מיטן אָרגאַניזירן און אינסטרואירן די אָפּטיילונגען אין אַ ריי שטעט פון פּוילן. דער ערשטער דעלעגאַטן-צוזאַמענפאָר (אַפּריל 1930), אויף וועלכן עס זענען געווען פאַרטרעטן די אָפּטיילונגען אין טשענסטאָכאָוו, לאָדז, זאַגלעמביע און לענטשיץ האָט אויסגעוויילט אַ הויפּט-פאַרוואַלטונג, וועלכע האָט איבערגענומען פון דער וואַרשעווער אָפּטיילונג די אָרגאַניזירונג פון נייע אָפּטיילונגען, די רעפּרעזענטירן כּלפּי חוץ וכדומה. פון דעם מאָמענט אָן הייבט זיך אָן פאַר דער געזעלשאַפט אַ פּעריאָד פון אָנגעשטרענגטער אַרבעט און געוואַלדיקער אַנטוויקלונג.

די פּראָפּאַגאַנדע אין דער פּרעסע דורך צאָלרייכע אַרטיקלען, קאָמוניקאַטן און ספּעציעלע טוריסטישע אָפּטיילונגען האָבן זייער ציל דערגרייכט. עס זענען צוגעקומען אין דער געזעלשאַפט אַלץ נייע מיטגלידער אַזוי, אַז די צאָל דערגרייכט אין איצטיקן מאָמענט צו 4000 מיטגלידער אין 25 אָפּטיילונגען. די י. ל. ג. הייבט אָן צו פאַרנעמען איינעם פון די אָנגעזעענסטע ערטער צווישן די טוריסטישע געזעלשאַפטן אין לאַנד.

די הויפּט-פאַרוואַלטונג האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין-וחשבון פון דעם ווערט פון פּראָפּאַגאַנדע און האָט דורך אַ געוויסע צייט אַרויסגעגעבן אַ חודש-זשורנאַל פאַר לאַנדקענטעניש „לאַנד און לעבן“.

צייט דעם יאָר 1929 גיט די הויפּט-פאַרוואַלטונג אַרויס אַ חודשלעכן ביולעטין „וויאַדאָמאָשטשי זש. ט. ק“; דורך דעם ביולעטין דערמעגלעכט די פאַרוואַלטונג די מיטגלידער צו באַקענען זיך מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעט אין דער געזעלשאַפט.

די אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט האָט גורם געווען, אַז די אָנפירנדיקע טוריסטישע אינסטאַנצן און די מלוכה-אָרגאַנען הייבן זיך אָן צו רעכענען מיט איר. נאָך אַסך באַמיונגען פון דער הויפּט-פאַרוואַלטונג, איז די געזעלשאַפט אָנגעשלאָסן געוואָרן אין „פאַרבאַנד פון די פּוילישע טוריסטישע געזעלשאַפטן“ (Z. P. T. T.) און אַדאַנק דעם געניסן די מיטגלידער פון י.ל.ג. פון אינדיווידועלע באַן-הנחות, וועלכע קומען די געזעלשאַפטן, וואָס זענען



אָנגעשלאָסן אין ז. פּ. ט. ט. ... אויך אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז די י. ל. ג. האָט באַקומען ... אין דער פאַרוואַלטונג פון ז. פּ. ט. ט. אין איצטיקן מאָמענט פאַ... עס דאַרט די געזעלשאַפט דער ראַטמאַן מ. הינדעס. ס'איז אויך אַקטועל די פראַגע פון אַ סובווענץ מצד ז. פּ. ט. ט.

בכדי אַדורכצופירן די אויפגאַבן, וועלכע די געזעלשאַפט האָט זיך געשטעלט, איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ריי אויספלוגן פון טוריסטיש-לאַנדקענטעשאַפטלעכן כאַראַקטער. עס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן פאָרלעזונגען, דיסקוסיע-אָוונטן, רעפעראַטן וועגן לאַנדקענטעניש, געאָגראַפיע, עטנאָגראַפיע, געשיכטע. עס זענען אויך איינגעאָרדנט געוואָרן אָוונטן פאַר לאַנדקענטעניש, וואָס האָבן אילוסטרירט דעם פּוילישן רעגיאָנאַליזם, יידישן פאָלקלאָר, ווייטער זענען איינגעאָרדנט געוואָרן טוריסטישע קאָלאָניעס — זומער און ווינטער, וואָס האָבן געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע זיך נענטער צו באַקענען מיט די טוריסטישע שליאַכן פון פּוילן.

אין משך פון די 6 יאָר פון דער עקזיסטענץ פון דער געזעלשאַפט זענען אַדורכגעפירט געוואָרן בערך 2000 אויספלוגן פון לאַנדקענטשאַפטלעכן, טוריסטישן, אינדוסטריעל-טעכנישן, אַרטיסטישן, מוזעאַלן און עטנאָגראַפישן כאַראַקטער מיט אַן אַלגעמיינער צאָל פון בערך 30.000 אָנטיילנעמער. צו עטלעכע מאָל זענען פאָרגעקומען אויספלוגן קיין ווילנע, דאַנציג, גדינע, העל, פּויזן (אויף דער אַלגעמיינער לאַנדאויסשטעלונג 7 אויספלוגן), קראָקע און וויעליטשקע, זאַקאָפּאַנע, ריסע, זאַווירטשע, די סוויענטאָ-קרזשיסקע-בערג, לעמבערג (מזרח-ירידים), פּלאָצק, טורין, וולאָצלאַוועק, בידגאָשטש, קאָזמיר ב. וו., לובלין, נאַלענטשאָוו, לאָדזש, בעלאָוויעזשער וואַלד, בראָדניצער אָזיערעס, טאַטרן, מזרח-קאַרפּאַטן; אויף די עטלעכע הונדערט פאָרלעזונגען זענען געווען בערך 20.000 צוהערער. חוץ דעם זענען דורכגעפירט געוואָרן 15 קורסן פאַר אינסטרוקטאָרן, פאָטאָגראַפישע, קאַרטאָגראַפישע און ניבע הילף אויף אויספלוגן מיט אַן אַלגעמיינער צאָל פון בערך 400 צוהערער. יעדע אָפּטיילונג האָט זיך באַמיט אויסצושולן געהעריקע אינסטרוקטאָרן און פאָטאָגראַפיסטן-אַמאַטאָרן.

ווילנדיק באַקענען די מיטגלידער און סימפּאַטיקער פון דער געזעלשאַפט מיט די פאַרשידענע געגנטן פון לאַנד און געבן אַן אימפּולס צו וואַנדערונגען האָט די געזעלשאַפט יאָר-יערלעך (צייט 1929) איינגעאָרדנט טוריסטישע זומער- און ווינטער-קאָלאָניעס אין ערטער וועלכע האָבן געבילדעט אַן אויסגאַנגספּונקט פאַר פאַרשידענע אויספלוגן. דידאָזיקע קאָלאָניעס זענען געווען אַ מין צוגרייטונגס-שול פאַר טוריסטן-אָנפאַנגער.

במעט אַלע קאָלאָניעס האָט אָרגאַניזירט די וואַרשעווער אָפּטיילונג, וועלכע פאַרנעמט נאָך עד היום דעם אויבנאָן צווישן אַלע אָפּטיילונגען פון

דער י. ל. ג. די ערשטע קאָלאָניעס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן זומער 1929 אין ריטרא (געבירג-אָרט), ווינטער 1929 אין זאַקאָפּאַנע, ווו עס ווערן צייט דעמאָלט יעדן זומער און ווינטער איינגעאָרדנט שטענדיקע קאָלאָניעס אין אויספלוגהויז אין יאַשטשאָראָווקע (זאַקאָפּאַנע). אין יאָר 1930 איז די קאָלאָניע געווען אין זאַוואָיע. אין די יאָרן 1931 און 1932 איז אויך געווען טעטיק אַ קאָלאָניע אין קוזמיר ב. וו. זומער 1932 האָט די הויפּטפאַרוואַלטונג איבערגעגעבן דער וואַרשעווער אָפּטיילונג דאָס אָרגאַניזירן פון אַ קאָלאָניע אין קאַרוויע, ביים ים. אַז די אויבנדערמאָנטע קאָלאָניעס האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג איז צו זען פון דער צאָל אָנטיילנעמער, וועלכע האָט באַטראָפן בערך 3000 פּערזאָן.

כדי ווי נעהעריק אָוועקצושטעלן די אַרבעט זענען אין די אָפּטיילונגען אויסגעבילדעט געוואָרן אַ ריי סעקציעס, ווי טוריסטישע, פאָטאָגראַפישע, היסטאָריש-עטנאָגראַפישע, פּאָרלעזונגען א. אַ., וועלכע האָבן געפירט די אַרבעט יעדע אויף איר געביט.

אונטערשטרייכנדיק די פּאָזיטיווע מאָמענטן אין דער טעטיקייט פון דער געזעלשאַפט דאַרפן מיר אָבער אויך אויפמערקזאַם מאַכן אויף די שאָטן-זייטן. די נעגאַטיווע מאָמענטן אין דער אַרבעט פון דער געזעלשאַפט לאָזן זיך באַמערקן אין די ריין-אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן און אין דעם פלאַכן באַנעמען פון מהות פון לאַנדקענטניש. די פאַרוואַלטונגען פון אַ ריי אָפּטיילונגען זענען נאָך ווייניק באַהאַוונט מיט די פּרינציפּן פון דער לאַנדקענטניש-באַוועגונג. די הויפּטפאַרוואַלטונג שטויסט זיך אָפטמאָל אָן אויף אַ ריי שוועריקייטן און די פאַרוואַלטונגען פון די אָפּטיילונגען זענען נישט גענוג דיסציפּלינירט. דיזאָזיקע לאַגע וועט זיך, אַזוי האָפן מיר, מן הסתם ענדערן צום בעסערן נאָכן דורכפירן דעם אינסטרוקטאָרן-קורס, וואָס איז באַשטימט פאַר אַלע אָפּטיילונגען.





ר ע צ ע נ ז י ע.

# אמאָליקע יידישע מלאכות.

Piotr Kontny, Oaza srebrnych kwiatów. (Sassów – Ośrodek szycharstwa aturowego. Lwów 1932. str. 32.

די אויסאַרבעטונגען פון עטרות צו טליתים, אָדער ווי זיי הערן אויך אָנגערופן „שפּאַניער" איז געווען די דאָמענע פון סאַסאָוו אין מזרח-גאַליציע, אין דער נעגנט פון זלאָטשעוו. די אייגנטלעכע צענטראַלע פון דיזאָזיקע אויסאַרבעטונגען איז נאָך פריער געווען אין בערדיטשעוו, אָבער אין אָנהויב פון'ם XIX י. ה. האָט זיך דערדאָזיקער צווייג פון יידישער מלאכה אויך אַריבערגעטראָגן קיין סאַסאָוו. אַמאָל איז עס געווען אַ בליענדיקער צווייג פון רעגיאָנאַלער יידישער פּראָדוקטיווקייט, אָבער היינטצוטאָג איז ער כמעט ווי אונטערגעגאַנגען אינגאַנצן. ענלעך ווי אַסך אַנדערע יידישע הויז-אינדוסטריעס, וועלכע עס האָט איבעריק געמאַכט די אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער טעכניק און נייע דערפינדונגען.

דער מחבר פון דער אויבן אָנגערופענער אַרבעט (אגב נישט קיין ייד), וועלכער, ווי ס'ווייזט זיך פון'ם טאָן און באַציונג צו דער טעמע, האָט אַריינגעלייגט פיל אינטימקייט, פּערזענלעכע צוגעבונדנקייט און אַסך אויספאָרש-אַרבעט, באַקלאָגט זיך עלעגיש בזה הלשון:

„אין נישט קיין ווייטן עבר האָבן מיר פאַרמאָגט אַסך ערנסטע און וויכטיקע אינדוסטריע-צווייגן, וועלכע מען האָט געקאָנט אָנרופן יידישע הויז-אינדוסטריעס. דער געניאַלער אַלווא עדיסאָן, אַרויסלאָזנדיק אויפן מאַרק זיין ערשט עלעקטריש גלי-לעמפּל, האָט דערשלאָגן מיט איין פּראַל די יידישע בראַנזירער פון מזרח-גאַליציע, אַמאָל אונדזער שטאָלץ אפילו מחוץ די גרענעצן פון די מיטל-איראָפּעאישע מלוכות. נייע ווולקאַניזאַציע-מעטאָדן, עבאָנים און צעלולאָיד, האָבן דערהרגעט די יידישע קעמלעך-אינדוסטריע פון סאַסאָוו, פּאָדקאַמיען, בושאַזשע און אַנדערע ערטער. מען האָט נישט באַדאַרפן פאָרן קיין קאַיר, כדי זיך צו געפינען אין'ם מיטלפּונקט פון אַ פּראָדוקציע-צווייג, וועלכע נאָענטסטע פּונקטן ליגן ערשט אין אַזיע און אַפריקע. געהאָרפּענע אויפן מאַרק, כדי צו באַדינען אונדזער דאָרף, די ערגסטע אינדוסטריע-טאַנדייט, די טרויעריק באַרימטע „צייגן" האָבן מיט איין קלאַפּ חרוב געמאַכט אור-אַלטע זידלונגען פון די יידישע „דרוקער". (ז. 28-29)

פאַר זיין קאַנצלער ראַטיבאָר פון גאָרעיעוו, אין וועלכן ער שענקט דעם לעצטן לעבנסלענגלעך דעם צינז, וועלכן עס צאָלן די פלאָצקער יידן לטובת דעם פירשט.

די קהלה איז אָבער נישט געווען קיין צאָלרייכע און אָנזעעוודיקע, צו אַזאַ שלוס באַרעכטיקן יעדנפאַלס די קוועלן. מעגלעך, אַז אין פלאָצק, אַלס רעזידענץ פון די ביסקופן, איז די רעכטלעכע לאַגע פון די יידן געווען אַן ערגערע ווי אין די איבעריקע מאַזאָווישע שטעט. דעריבער איז די צאָל יידן געווען אַ קליינע.

די פלאָצקער יידן פאַרנעמען זיך אויך הויפּטזעכלעך מיט וואָכער־געשעפטן. זיי שטייען אין לעבהאַפטע באַציונגען מיט די יידן פון וואַרשע און ווישעגראַד.

אין יאָר 1495 ווערט פלאָצק פאַראייניקט מיט דער קרוין, אַזוי, אַז ביים סוף פון XV ענדערט זיך ראַדיקאַל דער פּאָליטישער מצב פון די יידן אין פלאָצק. זיי האָבן אָבער נישט געטיילט דעם גורל פון די וואַרשעווער און ווישעגראָדער קהלות, וועלכע פאַרשווינדן אין דער דאָזיקער צייט פון דער היסטאָרישער אויבערפלאַך. פאַרקערט, אין XVI י. ה., ווען אין די צוויי גרעסטע מאַזאָווישע קהלות איז דאָס יידישע לעבן גענצלעך אָפּגעשטאָרבן, רוקט זיך פלאָצק אַרויס אויפן ערשטן פּלאַץ.

אָבער וועגן פלאָצק אין XVI י. ה. — אין צווייטן אַרטיקל.



ד״ר י. שיפּער

opens w/ critique of Wissenschaft des Judentums
concerned w/ cultural archeology, not w/ living ethnography

# אַריינפיר־ווערטער אין דער יידישער פאָלקסקענטעניש

## 1

### „אַרכעאָלאָגיע" און פאָלקסקענטעניש

די יידישע פאָלקסקענטעניש איז ביז איצט לאַנג געווען אַ געביט, מיט וועלכן ס׳האָבן זיך אינטערעסירט אַ הייפעלע געצײלטע געלערנטע אין פאַרשלאָסענע געביטן, וועמענס פאָרשונגען ס׳פלעגן דערשיינען אין פרעמדע שפּראַכן און זיין צוגענגלעך בלויז פאַר יחידי סגולה. געליטן האָט צוליב דעם אי די אויספאָרשונג, אי דער אויספאָרשער גופא. אַ וויסנשאַפטס־צווייג, ווי די פאָלקסקענטעניש, איז פון דעם מין, וואָס נויטיקט זיך אין דעם מעגליכסט ברייטסטן קרייז קאָרעספּאָנדענטן־זאַמלער, וואָס זאָלן צושטייערן מאַטעריאַלן פון׳ם פאָלקסמויל, פאַרשרייבונגען פון דערהאַלטענע מנהגים, פאָטאָגראַפיעס פון „פאָלקסטימלעכע" מאַטעריעלע גיטער (באַקליידונג, שפּייז־געצייג, אַרבעטס־געצייג וכדומה), געדרוקטע אויסגאַבעס פון אַלטער, נישט זעלטן שוין פאַרגעסענער און פון דער ביבליאָגראַפיע נישט פאַרצייכנטער „פאָלקסשאַפונג" א. אַז. וו.

אָן דעם דאָזיקן אַפּאַראַט קאָרעספּאָנדענטן־זאַמלער און אָן צענטראַלע שטעלעס, וווּ די זאַמלונגען זאָלן ווי געהעריק קאָנסערווירט ווערן, זעען די פאָרשער זייער אָפט הילפלאָז און זייענדיק אָנגעוויזן אויף זיך אַליין, זענען זיי בכוח צו געבן בלויז ברעקלעך פון אַ וויסנשאַפט, מער אָדער ווייניקער אינטערעסאַנטע ברעקלעך, וואָס נעמען אויס, ווי פון ווינט פאַרטראָגענע בלעטער פון אַ בוים, וועגן וועלכן מען ווייס צומאָל נישט, וווּ ער געפינט זיך, ווי הויך ער איז און ווי דיק, ווי טיף און ווי ווייט עס פאַרצווייגן זיך זיינע וואָרצלען.

אַזאַ איינדרוק מאַכט טאַקע די יידישע פאָלקסקענטעניש בפרט פון׳ם עלטערן דור פאָרשער, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט שטיצן אויף בעהע־

ריקע זאַמלונגען און האָבן מיט ווײַטערע באַשיידענע כוחות און מעגלעכ-
קייטן געמוזט זײַן אין איין פּערזאָן, אי זאַמלער, אי וויסנשאַפטלעכער באַ-
אַרבעטער. אויף דער עלטערער יידישער פאָלקסקענטעניש איז געווען אין
אַ געוויסן זין אַרויפגעדריקט דער שטעמפּל פון רעזיגנאַציע, ווײַלן ווען
פלעגט מען זיך פאַרנעמען מיט צאַפּלדיקע, פון לעבן גענומענע מאַטער-
יאַלן, דערקענען פלעגט מען זיך ליבערשט אָפּשטעלן בײַ תקופות, פון וועלכע
ס'איז אין דער קעגנוואַרט, ענטוועדער נישט געבליבן מער קיין זכר אָדער נאָר
אַ שוואַכער אָפּשײַן און מען האָט אַנשטאָט אמתער פאָלקסקענטעניש געשאַפן
„אַרכעאָלאָגיע", דהיינו אַ קענטעניש פונ'ם פאָלקס-לעבן און ווײַטאָוועקגערוקטע
תקופות, וואָס זענען שוין ווי פאַרגליווערט און וואָס די שפּורן ווײַטערע אין דער
קעגנוואַרטיקן פאָלקס-לעבן זענען אָן באַדײַטונג. פאַרמאָגן מיר אַסך וויכטיקע (פון
היסטאָרישן שטאַנדפּונקט) און זייער גענויע אויספאָרשונגען וועגן ביבלישער און
תלמודישער אַרכעאָלאָגיע, דהיינו וועגן דעם פאָלקס-לעבן אין דער ביבלישער
און תלמודישער תקופה, אָבער קיין איבעריק גרויסע באַדײַטונג האָט דאָס
נישט פאַר דער היינטצײַטיקער פאָלקסקענטעניש. וואָס אמת, לאָזן זיך נאָך
פעסטשטעלן אינ'ם לעבנסשטייגער פון אונדזערע פאָלקסמאַסן (בפרט פון
די אָפּגעשטאַנענע פאָלקסשיכטן) אַסך דערשײַנונגען, וואָס זענען פאַר-
וואָרצלט נאָך אין די גאָר אַלטע, ביבלישע און תלמודישע תקופות, אָבער
אַסך וויכטיקער און ווירקזאַמער זענען אינ'ם דאָזיקן לעבנסשטייגער די
דערשײַנונגען, וואָס האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט און פונאַנדערגעבליט אין
משך פון מיטלאַלטער און פון דער נײַערער צײַט, בפרט בעת דער אייראָ-
פּעאישער „דיאַספּאָראַ". ווען דאָס יידישע לעבן האָט אויפגענומען אין זיך
און אַנטשפּרעכנד „פאַראַרבעט", קולטור-השפעות פון די פאַר-
שידנסטע אייראָפּעאישע פעלקער. אַט אַ דידאָזיקע „דיאַספּאָראַ"-צײַט, וואָס
האָט פאַר דער פאָלקסקענטעניש אַזאַ אומגעהײַערע באַדײַטונג, האָט מען
בקיצור אין זעלטענע פאַלן און אויך נאָר בדרך-אגב געפאָרשט קורט מעטזדן,
וואָס קומען אין באַטראַכט בײַ אַזאַ וויסנשאַפטס-געביט, ווי די פאָלקסקענ-
טעניש. גענוג צו דערמאָנען אַזאַ מאָנומענטאַל ווערק, ווי די באַרימטע
דרײַ-בענדיקע („געשיכטע פון דערציאונג און קולטור בײַ יידן בעתן מיטל-
אַלטער"), וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן פון מ. גידעמאַנען. מיר גע-
פינען אין איר אַן אַ שיעור ידיעות וועגן יידישע פאָלקס-מנהגים און
פאָלקסשאַפונגען בעת דער מיטל-אַלטערלעכער תקופה, העכסט וויכטיקע
ידיעות, וואָס זענען ס'רוב געשעפּט פון דער רבנישער ליטעראַטור. איז
אָבער, אַז די דאָזיקע ידיעות האָבן ניכער אַ כאַראַקטער פון „אַרכעאָלאָ-
גישער" וויסנשאַפט, איידער פון אַ פאָלקסקענטעניש. דער מחבר ווײַזט
אונדז נישט די צוזאַמענהאַנגען מיטן היינטיקן פאָלקלעבן, ער באַהאַנדלט

MA

Güdemann

In search of a usable past



נישט זײַן אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל, ווי אַ קוואַל, פון וועלכע ס'ציען
זיך די אָדער יענע דערשײַנונגען פונ'ם לעבנס-שטייגער, וואָס כאַראַקטערי-
זירט אונדזערע פאָלקסשיכטן אָדער געוויסע טיילן פון זיי נאָך אין די
היינטיקע צײַטן.

פאַר דער נײַערער תקופה פאַרמאָגן מיר אַפילו נישט אַזאַ ווערק,
ווי די אָקאָרשט אָנגעמערקטע „דערציאונגס-און קולטור-געשיכטע" פון
גידעמאַנען, אַפילו נישט אַזאַ מין „אַרכעאָלאָגיע". דאָס הייסט אָבער נישט,
אַז עס איז לגמרי נישט אויפגעטאָן געוואָרן אויפן געביט פון קלויבן
„ידיעות" וועגן דעם יידישן לעבנסשטייגער אין משך פון דער נײַערער
צײַט. עס פעלט בלויז אַ צוזאַמענפאַסנדיק ווערק פון דעם מין, ווי גידע-
מאַנס ווערק, וואָס נעמט אַרום דאָס מיטלאַלטער, אָדער ווי דאָס ווערק
פון שמואל קרויס „תלמודישע אַרכעאָלאָגיע", וואָס באַלאַנגט צו דער נאָך
עלטערער תלמודישער תקופה. פאַראַן אָבער אַ גאַנצע ביבליאָטעק קלענערע
און גרעסערע מאָנאָגראַפיעס, וואָס באַשרײַבן די געשיכטע פון יידן אין
איינצלנע לענדער, שטעט און שטעטלעך, אויספאָרשונגען פון דער ליטע-
ראַטור בײַ יידן, סײַ דער העברעאישער, סײַ דער אַנדערשפּראַכיקער,
פון עלטערער יידישער אַרכיטעקטור און פּלאַסטישער קונסט, פון „סינאַגאָ-
גאַלער" נגינה וכדומה. אין אַלע דידאָזיקע מאָנאָגראַפיעס קאָן מען גע-
פינען ענטוועדער באַזונדערע קאַפּיטלעך, וואָס אַנטהאַלטן קולטור-און זיטן-
געשיכטלעכע צושטײַערן, אָדער פונאַנדערגעוואָרפענע ידיעות פון דעמזעל-
ביקן מין. ס'רוב האָבן זיי דיזעלבע באַדײַטונג פאַר דער פאָלקסקענטעניש,
דיזעלביקע באַדײַטונג, וואָס די דערמאָנטע „אַרכעאָלאָגיעס": אַ סטאַטישער,
„רוענדיקער" מאַטעריאַל, וואָס מען מוז ערשט אויפזוכן זײַנע פאַרבינ-
דונגען און באַציאונגען צום היינטצײַטיקן שטייגער-לעבן!

דאָס סאַמע ווערטפולסטע ברענגען פאַר דעם יידישן „פאָלקס-
קונדיקער" און בפרט פאַר דעם פאָרשער פון דעם יידישן פאָלקסלעבן אין
די גרויסע אייראָפּעאישע ישובים — יענע מאָנאָגראַפיעס, וואָס באַלאַנגען צו
דער עלטערער יידישער ליטעראַטור, באַזונדערס די אויסגאַבעס פון די
זעלטענע כתב-ידן, אין וועלכע ס'זענען דערהאַלטן געבליבן די עלטערע
ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור. אין דידאָזיקע ליטעראַטור-געשיכט-
לעכע ווערק און אויסגאַבעס געפינען זיך די סאַמע וויכטיקסטע אָפּשפּיגלונגען
פונ'ם פאָלקסלעבן און פאָלקסוועזן. איז אָבער, אַז גראָד אַט אַ דער צווײַג פון
יידישער וויסנשאַפט איז דער י ו נ ג ס ט ע ר צווישן די וויסנשאַפטס-צווײַגן,
וואָס פאַרנעמען זיך מיט יידן און יידנטום — און וואָס אויך דידאָזיקע יונגע
וויסנשאַפט גיט מער סטאַטיק איידער דינאַמיק, דהיינו מער „פאַרגלי-
ווערטע" פאַרגאַנגענהייט, איידער פאַרבינדונגען מיט דער קעגנוואַרט, באַ-

ציאונגען צו איר, צוזאמענהאנגען וכדומה. אויך אין אַזאַ דער פארשונג, וואס האט אזא ערשט־ראנגיקע באדייטונג פאר דער פאלקסקענטעניש, געפינען זיך ס׳רוב נאר „ארכעאלאגישע״ ידיעות.

צו באלעבן דעם געוואלטיקן „ארכעאלאגישן״ מאטעריאל, וואס איז צונויפגעזאמלט געווארן אין ספעציעלע מאנאגראפיעס אדער בדרך־אגבדיק אין געשיכטלעכע, רעליגיעז־געשיכטלעכע, ליטעראטור־געשיכטלעכע, קונסט־געשיכטלעכע און ענלעכע ווערק — דאס איז איינע פון די עיקרדיקסטע אויפגאבן פון דער פאלקסקענטעניש! און באלעבן לאזט זיך די דאזיקע „ארכעאלאגיע״ נאר דעמאלט, ווען עס וועלן זיך געפינען נעהעריקע זאמלונגען, וואס אילוסטרירן דעם היינטצייטיקן לעבנסשטייגער פון אונדזערע פאלקסשיכטן און עס וועלן זיך אין זיי אנטפלעקן דערשיינונגען, וואס האבן אן ארגאנישע שייכות צו דעם „אמאל״, צום „פארגאנגענעם״ לעבנס־שטייגער. ערשט די אויסגעבילדעטע און אויסגעבויטע פאלקסקענטעניש וועט קאנען אנטשיידן די פראגע, אויף וויפל דאס „אמאליקע״ „פארגאנגענע״ איז אין דער אמתן פארגאנגענהייט, פארגליווערטער „נעכטן״, וואס איז אריבער אן א זכר. בלויז די פאלקסקענטעניש איז בכוח צו ציען די אמתע מחיצה צווישן אלט און נײַ, טויט און לעבן. אין אט־א דער אויפגאבע שטעקט אויך דער גרעסטער צוציאונגס־כוח אירער, איר גרעסטע רייץ און צויבער־קראפט.

2.

## פארשידענע באגריפן

(פעלקערקענטעניש פאלקסקענטעניש און פאלקלאר)

זינט ייווא (דער ייד. וויסנשאפטלעכער אינסטיטוט אין ווילנע) האט דעם שטויס געגעבן צו פאלקסקענערישע זאמלונגען אין א גרויסן מאסשטאב, איז צו מערקן א כסדרדיקער וווּקס פון זאמלער־קרייזן אדער צום ווייניקסטנס א גרעסערע פאראינטערעסירונג מיט דער פאלקסקענטעניש. פון פאראינטערעסירונג ביז צו געהעריקער, אויף וויסנשאפטלעכע יסודות באזירטער זאמל־ארבעט און פארשונג איז אבער נאך א היפשער מהלך און עס וואלט געווען א פארפוצונג פון דער ווירקלעכקייט, ווען מען זאל נישט אנווייזן אויף דעם דילעטאנטישן צוגאנג, וואס כאראקטעריזירט דעם גרעסטן טייל פון אונדזערע זאמלער. ליידער פעלט ביי אונדז א געהעריקע אנפירונג מיט דער זאמל־ארבעט. מיר פארמאגן אויך נישט אויף יידיש אן



אנטשפרעכנדע ליטעראטור, וואס זאל אריענטירן איבער די געביטן און מעטאדן פון דער פאלקסקענטעניש. איז דעריבער, אז די ארבעט אויפן דאזיקן פעלד ליידט שטארק צוליב איר כאאטישן כאראקטער. א כאאס הערשט אין אונדזערע זאמלער־קרייזן, אפילו אין אזא עיקרדיקער פראגע, ווי די צילן און אויפגאבן פון דער פאלקסקענטעניש. איינע פון די אפטסטע מיס־פארשטענדענישן, אויף וועלכע מיר שטויסן זיך אן אין די זאמלער־קרייזן, איז דאס צונויפמישן פון פארשיידענע באגריפן: פאלקסקענטעניש ווערט דא אידענטיפיצירט מיט פאלקלאר־אויספארשונג פונקט, ווי דאס וואלט געווען איינס און דאסזעלבע. וועט טאקע זיין אויפ׳ן ארט, ווען מיר וועלן דא גלייך קלאר מאכן דעם דאזיקן ענין, נאך איידער מיר באריִרן די עיקר־פראבלעמען פון דער יידישער פאלקסקענטעניש.

אונטער פאלקסקענטעניש (אויף דייטש: פאלקס־קונדע) איז צו פארשטיין יענער צווייג פון וויסנשאפט, וואס פארנעמט זיך מיט דער אויספארשונג און שילדערונג פונ׳ם מאטעריעלן און גייסטיקן פארמעגן פון די אונטערשיכטן פון א באשטימטן קולטור־פאלק. אין דער געבראכטער דעפיניציע האבן מיר אונטערגעשטראכן פאלגנדיקע מאמענטן:

א) אונטערע שיכטן פון א קולטור־פאלק: מיטן דאזיקן מאמענט אונטערשיידט זיך די פאלקסקענטעניש פון דער אזוי־גערופענער „פעלקערקענטעניש״ (אויף דייטש: פעלקער־קונדע), וואס פארנעמט זיך מיט דער אויספארשונג און שילדערונג פונ׳ם לעבנס־שטייגער ביי חוץ־אייראפעאישע פרימיטיווע פעלקער (נאטור־פעלקער) אדער ביי פעלקער, וואס שטייען אויף א נידעריקן שטאפל פון קולטור (האלב־קולטור־פעלקער). אין קעגנזאץ צו דער „פעלקערקענטעניש״ באשעפטיקט זיך די פאלקסקענטעניש מיט דעם לעבנס־שטייגער פון די אונטערע שיכטן פון א הויך אנטוויקלטן קולטור־פאלק. נישט די קולטור פון די אויבערע, אינטעליגענטע שיכטן, נישט זייערע שאפונגען אויפן געביט פון ליטעראטור, קונסט און וויסנשאפט און אויך נישט דער לעבנס־שטייגער זייערער בילדן דעם געגנשטאנד פון דער פאלקסקענטעניש. נייערט דאס שאפן און דער לעבנס־שטייגער פון די אונטערע שיכטן, וואס זענען — ווי מיר וועלן דאס נאך אויפווייזן — אין קולטורעלן זין הינטערשטעליג, „אפ־געשטאנען״, „קאנסערוואטיוו״.

ב) דעם צווייטן כאראקטעריסטישן שטריך פון דער דעפיניציע שטעלן מיט זיך פאר די ווערטער וועגן דעם מאטעריעלן און גייסטיקן פארמעגן פון די אונטערע שיכטן. דורך דעם דאזיקן שטריך אונטער־שיידט זיך די פאלקסקענטעניש פון „פאלקלאר״ און צו פארשטיין איז דער אונטערשיד אט ווי: „פא־קלאר״, וואס דער באגריף פון אים איז גע-

שאַפן בעוואָרן ערשט אין י. 1846 דורך דעם ענגלענדער דזשאָהן טאָמס, נעמט אַרום בלויז די קענטעניש פונ׳ם גייסטיקן פאַרמעגן פון די אונטערע פאָלקס־שיכטן, ווי אַ שטייגער די קענטעניש פון דער פאָלקס־שפּראַך, פון די שפּריכווערטער, פאָלקסלידער, מעשיות, פאַבעלן, פאָלקס־שפּילן וכדומה. אַסך ברייטער איז דאָס געביט פון דער פאָלקסקענטעניש: זי שליסט איין אין זיך דעם פאָלקלאָר, ווי אויך די קענטעניש פונ׳ם מאַטעריעלן פאַרמעגן פון די פאָלקס־שיכטן, ווי אַ שטייגער די קענטעניש פון די פון פאָלק (אין זין פון „אונטערע פאָלקס־שיכטן") אָנגענומענע זידלונגס־פאָרמען, פון זיין הייזער־בוי און וווינונגס־איינאָרדענונג, פון פאָלקס־טראַכטן און פאָלקס־דערנערונג, פון די כּלערליי כּלי־זין, מיט וועלכע דאָס פאָלק באַנוצט זיך ביי דער אַרבעט און אין דער באַלעבאַטישקייט וכדומה. מיט אַנדערע ווערטער: פאָלקלאָר איז בלויז אַ טייל־געביט פון פאָלקסקענטעניש, אַ טייל־געביט, וואָס נעמט אַרום בלויז דעם גייסטיקן איבערבוי פונ׳ם פאָלקס־לעבן, בשעת ווען די פאָלקסקענטעניש באַהאַנדלט אויך דעם מאַטעריעלן אונטערבוי, דעם זאַכלעכן, געגנשטענדלעכן יסוד פונ׳ם דאָזיקן לעבן.

## 3.

## אויסגאַנגס־פּונקטן פון דער פאָלקסקענטעניש

די זאַמל־אַרבעט און אויספאָרשונג פון פאָלקסקענערישע מאַטעריאַלן קאָן ערשט דעמאָלט האָבן אַ ווערט, ווען מען האָט אַ גענויעריקן באַגריף וועגן דעם כאַראַקטער פונ׳ם פאָלקסלעבן און פאָלקסוועבן. די מאָדערנע פאָלקסקענטעניש האָט פעסטגעשטעלט איינציקע עיקר־שטריכן פון דעמדאָזיקן כאַראַקטער, וואָס זענען חל אויף די אונטערע שיכטן ביי אַלע פעלקער און די יידישע פאָלקס־שיכטן בילדן אין דעם בפרט לגמרי נישט קיין אויסנאַם. פון דעם אגב נישט איבעריק גרויסן סכום כאַראַקטעריסטישע שטריכן, וועלן מיר דאָ ווייטער אויספירלעכער אַרומרעדן פאָלגנדיקע צוויי הויפּט־מאָמענטן:

א) דאָס פאָלקס־לעבן צייכנט זיך אויס מיט זיין קאָלעקטיוון, געמיינשאַפטלעכן כאַראַקטער. דער לעבנסשטייגער פון פאָלק איז פּרימיטיוו און באַדייט דאָס, אַז די דערשיינונגען פון פאָלקס־לעבן טראָגן נישט דעם שטעמפּל פון העכערע קולטור־פאָרמען, וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער אינדיווידועלישקייט און דיפערענצי־



רונג. פאָלקסשאַפונגען זענען אַנאָנים, דאָס הייסט אָבער נישט, אַז זיי שטאַמען תמיד פון אַ קאָלעקטיוו, זיי קאָנען אויך שטאַמען פון באַשטימטע יחידים. דער שווערפּונקט ליגט אין דעם כאַראַקטער פון דער שאַפונג, דריקט זיך אויס דורך דער שאַפונג אַ פּערזענלעכקייט, אַ אינדיווידואַליטעט, וואָס איז אייגנאַרטיק און וואַקסט אַריבער דער פאָלקס־דורכשניט, באַלאַנגט נישט די שאַפונג צו דעם מין שאַפונגען, וואָס בילדן דעם געגנשטאַנד פון פאָלקסקענערישע אויספאָרשונגען און שילדערונגען. די יחידישע שאַפונג איז בלויז דעמאָלט אַ מאַטעריאַל פאַר פאָלקסקענטעניש, ווען דער יחידישער, אינדיווידועלער מאָמענט איז פון איר אָפּגעמעקט און עס דריקט זיך אויס דורך איר אַ קאָלעקטיווע שטימונג, „דער גייסט פון געמיינשאַפטס־קולטור". אַמליכסטן איז צו דערקענען אַזאַ מין „אַנאָנימען" „פאָלקסטים־לעכן" שטריך, ווען מען פאַרגלייכט אַ שאַפונג, וואָס טראָגט זיך אין פאָלקסמויל, אָדער אַ זאַך, וואָס ווערט באַנוצט דורכן פאָלק מיט די שאַפונגען און זאַכן, וועלכע מען באַגעגנט אין די אויבערע און אויבערשטע שיכטן, דהיינו ביי די קולטור־שפּיצן פון פאָלק. באַנוצט זיך אַ שטייגער דאָס פאָלק מיט דיזעלבע גאָפּלען און מעסערס, מיט וועלכע עס עסט זיין אינטעליגענץ, זיין קולטור־שפּיץ, זענען די גאָפּלען און מעסערס נישט מער קיין געגנשטאַנד פאַר פאָלקסקענטעניש. טרעפט אָבער, אַז די פאָלקס־שיכטן עסן מיט הילצערנע לעפלען אָדער מיט ציינערנע גאָפּלען אין דער צייט, ווען די קולטור־שפּיצן זיינען באַנוצן פיינע לעפל־ און גאָפּל־אויסאַרבעטונגען פון איידעלעם מעטאַל, איז דער הילצערנער לעפל און דער ציינערנער גאָפּל אַ ענין פאַר פאָלקס־קענטעניש. און דאָסזעלבע קען אויך געזאָגט ווערן וועגן גייסטיקע גיטער: לאָמיר אַ שטייגער נעמען איינס פון די עלטערע „פאָלקסלידער", וואָס זענען געשריבן געוואָרן פון אברהם רייזענען אין דער צייט, ווען די אינטעליגענץ האָט זיך מיט זיי געצאַצקעט און די לידער האָבן אויסגעדריקט געוויסע שטימונגען פון אָט דער קולטורעלער אויבערשיכט, זענען זיי לגמרי נישט געווען קיין פאָלקס־לידער, נייערט אינדיווידועלע שאַפונגען אין אַ פאָלקסטימלעכער פאָרם. איז אָבער די אויבערשיכט דאַן אַוועק פון דעם סאָרט לידער און זי האָט אירע גרונט־שטימונגען געפונען אויסגעדריקט אין לידער פון לייוויקן אָדער משה לייב האַלפּערן. אינצווישן האָבן די פאָלקסמאַסן אויפגעכאַפּט מאַנכע לידער פון אַ. רייזענען און זיי גענומען זינגען אויף זייער שטייגער. מיט דעמ־זעלבן מאָמענט, ווען לייוויק אָדער האַלפּערן זענען געוואָרן די אויסדריקער פון דער קולטור ביי דער אויבערשיכט, בעת ווען די אונטערשיכטן האָבן זיך געפונען אין שפּיגל פון מאַנכע רייזענישע לידער, זענען די דאָזיקע רייזענישע לידער, וואָס האָבן מיט אַ צייט פריער באַלאַנגט צו ליטע־

ראטור, פארוואנדלט געוואָרן אין פאָלקלאָר, דהיינו אין אַ גייסטיקן פארמעגן פון די פאָלקסשיכטן און זיי באַלאַנגען נישט מער צו מאָדערנער ליטעראַטור, נייערט צו דער פאָלקלאָריסטישער וויסנשאַפט.

די געבראַכטע ביישפּילן וועלן אויך פאַרשטענדלעכער מאַכן דעם צווייטן הויפטשטריך, וואָס כאַראַקטעריזירט דאָס פאָלקסלעבן און פאָלקסוועבן און זיין איז עס:

2) דער קאָנסערוואַטיווער, רעפּראָדוצירנדיקער כאַראַקטער פונ׳ם פאָלקסלעבן און פאָלקסוועבן.

אַמאָל האָט מען ביי די אומות געהאַט אַ מין ראָמאַנטישן צוגאַנג צו „פאָלקסשאַפונגען“ און מען האָט זיי באַהאַנדלט, ווי אייגנאַרטיקע, אָריגינעלע דערשיינונגען. אַזאַ באַנעמונג הערשט אויך ביי אַסך אונדזערע דילעטאַנטישע זאַמלער פון „פאָלקספּראָדוקציע“. נעמען נעמט זיך דאָס צום טייל פון אַ איינשטעלונג, וואָס איז סטימולירט דורך געפילס־מאָמענטן (די באַרימטע „ליבע צום פאָלק“), צום טייל פון דער קנאַפער וויסנשאַפטלעכער צוגרייטונג און פון דעם באַנוצן זיך מיט פאַרעלטערטע „פאַרשימלטע“ מעטאָדן ביי דער זאַמל־ און פאָרשער־אַרבעט.

אויב מיר ווילן נישט בלייבן הינטערשטעליק אין אונדזערע פאָלקסקענטעניש, מוזן מיר זיך וואָס גיכער באַפרייען פון דער ראָמאַנטיק און מיר מוזן פאַרשטיין, אַז מען מוז נישט דווקא פאַרמאַכן די אויגן און שווימען אין די וואָלקנס, ווען מען האָט ליב דאָס פאָלק... מען מוז אויך קענען ליבן מיט אָפענע אויגן, ליבן דאָס פאָלק אַזוי, ווי עס גייט און שטייט, ווי עס זינגט און זאָגט, ווען אַפילו דער מין שטיין און גיין, זינגען און זאָגן זאָל זיין ווייט־ווייט פון אונדזער מאָדערנעם, אויסגעפיינערטעם געשמאַק, און ער זאָל זיך אַרויסווייזן ווייט־ווייט פון אָריגינעלישקייט.

די מאָדערנע פאָלקסקענטעניש האָט זיך שוין לאַנג אויסגעניכטערט פון איר אַמאָליקער, ראָמאַנטישער ליבע און זי האָט אויפגעטון דאָס סאַמע בעסטע און נוצלעכסטע ערשט דאַן, ווען דאָס ראָמאַנטישע שיכּרות איז צערונען געוואָרן. היינט צו טאָג קען מען שוין אין יעדן, וויסנשאַפטלעכן האַנטבוך, וואָס באַהאַנדלט פראַגן פון פאָלקסקענטעניש, געפונען אַזעלכע אַקסיאָמען, ווי אַ שטייגער, אַז „דאָס פאָלק פּראָדוצירט נישט, נייערט עס רעפּראָדוצירט“. „דאָס פאָלק איז תמיד הינטערשטעליק און עס דערנערט זיך מיט די רעשטלעך, וואָס פאַלן אַראָפּ פון די טישן פון גייסטיקע גבירים“. און אַזוי איז עס אויך אין דער אמתן! דאָס, וואָס מיר רופן אָן „פאָלקסקולטור“ איז עס אין תוך גענומען אַ דעקלאַסירטע, אַראָפּגעקייקלטע קולטור. אַמאָל, מיט צייטן צוריק (און זיין קאָנען דאָס חי אַמאָל געציילטע, ווי אַמאָל ווידער הונדערטער יאָרן צוריק), איז געווען



דער מאַטעריעלער און גייסטיקער באַגאַזש, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די היינטיקע „פאָלקסקולטור“. אַ שאַפונג פון די גייסטיקע אויבערשיכטן. שפּעטער זענען די זעלבע אויבערשיכטן אַוועק צו העכערע, מער קאָמפּליצירטע, מער ראַפינירטע קולטור־פאַרמען און קולטור־שאַפונגען. דאָס גייסטיק אָרעמערע פאָלק, די אונטערשיכטן האָבן אָבער נישט באַוויזן צו האַלטן שריט אינ׳ם דאָזיקן קולטור־מאַרש און זיי זענען געבליבן הינטערשטעליק, ווי מאַרודערן, וואָס שלעפּן זיך נאָך די פאָריס מאַרשירנדיקע אַוואַנגאַרדעס... האָבן זיי אַלץ נאָך געזונגען „אַלטע לידער“, בעת ווען די אויבערשיכטן האָבן זיך שוין געהאַט פאַרוואַנדלט אין „נייע פייגל מיט נייע לידער“. אַזוי איז די אַנטוויקלונג. אַזוי ווערט זי באַשטעטיקט דורך טויזנטער פאַקטן און באַווייזן און עס קענען דאָ נישט העלפן קיין שום סענטימענטן.

מיר קענען דעם גאַנג פון אָטאָ דער אַנטוויקלונג ממש אָנטאַפּן מיט די הענט. אָט אַ שטייגער זינגען אונדזערע פאָלקסמענטשן נאָך אין די היינטיקע צייטן פאַרשידענע לידער, וואָס זענען סאַטירעס אויפן שטייגער פירונג פון חסידים (למשל דאָס פּאָפּולערע לידל: „וואָס וועט זיין, ווען משיח וועט קומען“), איז אָבער, אַז מיט אַ פּאָר צענדליקע יאָרן צוריק זענען די זעלבע לידער געווען ליטעראַטור, דהיינו שאַפונגען פון דער גייסטיקער אויבערשיכט. די פאָלקסשיכטן פון יענער צייט האָבן די דאָזיקע לידער ענטוועדער לגמרי נישט געקענט, אָדער זיי, ווי אַפּיקורסישע שמד־שטיק אָפּגעשטויסן פון זיך. ס׳איז גענוג זיך צו באַקענען מיט דער ליריק פון דער השכלה־תקופה און מען וועט לייכט קאָנען פעסטשטעלן די מחברים פון דעם סאָרט לידער, וואָס היינט ווערן זיי פאַררעכנט — און מיט רעכט! — צו דעם גייסטיקן פאַרמעגן פון די אונטערע פאָלקסשיכטן, צו פאָלקלאָר.

אַן אַנדער ביישפּיל: מיר לעבן אין אַ תקופה פון „מאָדערנע טענץ“. יעדעס יאָר קומט־אויף אַ נייער טאַנץ, וואָס איז אָנגענומען אין דער „עלעגאַנטער וועלט“. אין די אויבערשיכטן. ווילאַנג איז די צייט, ווען מען האָט אין דער „עלעגאַנטער וועלט“ געטאַנצט דעם „שימי טאַנץ“? היינט איז אָטאָ דער טאַנץ שוין אַלטוואַרג! „עלעגאַנטע דאַמען און הערן“ טאַנצן אים נישט מער, זיי טאַנצן שוין אַנדערע שפּאָגל־נייע טענץ. אין די אונטערע פאָלקסשיכטן איז אָבער „שימי“ נאָך אַלץ דער נייסטער טאַנץ. דער אויספיר איז אַ פּשוטער: מיט עטלעכע יאָר צוריק איז „שימי“ נאָך געווען דער אויסדרוק פונ׳ם לעבנסשטייגער פון דער אויבערשיכט, היינט באַלאַנגט ער שוין צו „דעקלאַסירטער טאַנץ־קולטור“, אַראָפּגעקייקלט צו דעם פאָלקספאַרמעגן, צו פאָלקלאָר.

בלייבן מיר נאָך אַ ווײַלע ביי די געבראַכטע צוויי ביישפּילן: אויב מיר וועלן זיך באַמיען אויסצוגעפונען די אַנטי־חסידישע סאַטירע פון דער

השכלה־צייט, וואָס ווערט היינטצוטאָג געזונגען ווי אַ פאָלקסליד און מיר וועלן פאַרגלייכן ביידע טעקסטן, וועלן מיר קאָנען פעסטשטעלן אַ ריי כאַראַקטעריסטישע פאַרענדערונגען. אין דעם פאָלקסליד הינקען דאָ און דאָרט די גראַמען, עס פעלן וויאַמאָל מאַנכע ווערטער אָדער גאַנצע שורות, ווערטער פונ׳ם אָריגינאַל זענען טיילמאָל איבערגעביטן אויף אַנדערע, און אַז. וו. און נעמען, נעמען זיך די דאָזיקע ענדערונגען פון צוויי קוואַלן: איינער איז דער זכרון און דער צווייטער איז די טענדענץ צו שאַבלאָנישקייט. דער פאָלקסמענטש נעמט אויף אַ ליד זעלטן ווען פון אַ בוך, פון ל י י ע נ ע ן, געוויינלעך לערנט ער זיך אויס אַ ליד פון ה ע ר ן און ער גיט עס ווייטער איבער, פון מויל צו מויל. דער זכרון איז דער הויפטשפייכלער, ווי עס ווערט אויפגעהיט דאָס ליד. ווערט דער זכרון שוואַכער, פאַרגעסט מען טייל פון דעם געהערטן, בייט מען איבער ווערטער, צוקלעטשעט מען גראַמען וכדומה. דאָס ליד פאַרלירט אַסך פון זיין תּחילותדיקן גלאַנץ, עס ווערט „דעקלאַסירט“, פאַרדאָרבן, עס ווערט „פאַראָרעמט“. די בלויזן, וואָס זענען אַנטשטאַנען צוליב דעם, וואָס אינ׳ם זכרון זענען אָפגעווישט געוואָרן געוויסע שטעלן אָדער ווערטער פונ׳ם ליד, ווערן אויסגעפילט דורך שטעלן אָדער ווערטער פון אַנדערע לידער, וואָס האָבן זיך פעסט איינגעקריצט אין פאָלקסזכרון. באַווייזן זיך אינ׳ם ליד שאַבלאָנישע גראַמען, שאַבלאָנישע פראַזן וואָס ווערן כּסדר באַנוצט ווי לאַטעס אויף צו פאַרלאַטען לעכער...

דיזעלבע דערשיינונג וועלן מיר אויך קענען פעסטשטעלן ביי דעם „דעקלאַסירטן“ שימי־טאַנץ. אין די אויבערשיכטן האָט מען אים געטאַנצט לויט אָנווייזונגען פון אַ געניטן טאַנצנמייסטער. מען האָט אָפגעהיט דעם טאַקט, מען איז מוזיקאַליש און מ׳האָט אויך „מוזיקאַלישע פיס“, אַלדי „פיינהייטן“ פעלן אָבער ביים „פאָלקס־שימי“. נישט מען האָט אים אין די אונטערע שיכטן געלערנט ביי טאַנצמייסטערס, נישט מען טאַנצט ביי אַ אויסגעפיינערטע מוזיק־באַגלייטונג, וואָס זאָל אָפהיטן יעדן טאַקט, נישט מען האָט פיס פאַר ריטמישע באַוועגונגען, אויסגעמאָסטענע לויט צייט און רוים, טאַנצט מען געווינלעך, ווי „קלעצער“, איז עס טאַקע אַ „דעקלאַסירטער“, „פאַרדאָרבענער“ שימי...

assumes that folksong lacks aesthetics coherence

how antihasidic satires → folksongs



## 4.

## אויב דעקלאַסירטע קולטור, צוליב וואָס זיך מיט איר אינטערעסירן?

נאָך די אויספירונגען וועגן דעם רעפראָדוקטיוון און דעקלאַסירטן כאַראַקטער פונ׳ם פאָלקסשאַפן און פאָלקסלעבן, אַנטשטייט טאַקע די פראַגע: טאָ, צו וועלכע גוטע יאָרן איז כּדאי זיך צו אינטערעסירן מיט פאָלקסקענטעניש? איז נישט בעסער און גלייכער צו ווענדן זיך דירעקט צו די קוואַלן, פון וועלכע דאָס פאָלק האָט געשעפט די מוסטערן פאַר זיין שאַפונג, פאַר זיין לעבנסטיל?

איז אַ שטייגער נישט צוועקמעסיקער צו קענען שיינע ליטעראַטור פון עלטערע און גאָר אַלטע צייטן, איידער צו זוכן „פאָלקסלידער“, וואָס זענען אַ „פאַרדאָרבענער“ אָפקלאַנג פון אָט דער ליטעראַטור? און צי איז אויך נישט ריכטיקער, צו פאַרנעמען זיך ליבערשט מיט דער נייסטער ליטעראַטור. וואָס וועט דאָך סוף־כּל־סוף אויך דורכמאַכן דעם גילגול פון אַראָפקייקלען זיך צו די „אָפגרונדן“ פון פאָלקלאָר? וואָס קען אונדז אינטערעסירן דער „אונטן“, אַז מיר קאָנען דערגרייכן דעם „אויבן“ און באַטראַכטן אים אין פולן זונענליכט, נאָך איידער ער האָט זיך צעבראָקלט און שטיקער פון אים זענען אַראָפגעפאַלן באַרג־אַראָפ?

פונ׳ם ריין עסטעטישן שטאַנדפונקט זענען אַלדי טענות זיכער נישט אָן אַ באַרעכטיקונג. איז אָבער, אַז פאָלקסקענטענישן האָבן לגמרי נישט די אויפגאַבע צו באַפרידיקן העכערע עסטעטישע, קינסטלערישע באַדערפענישן. זייער צוועק איז, צו אָריענטירן אונדז איבער אַזעלכע פראַגן, ווי: פאָלקספסיכאָלאָגיע, פאָלקסבאַוווסטזיין, פאָלקסבילדונג וכדומה — און דאָס האָט שוין יאָ אַ באַדייטונג! צו קאָן מען זיך אַ שטייגער פאָרשטעלן אַ געהעריקע אַרבעט פאַרן פאָלק, אויב מען פאַרמאָגט נישט קיין אַנטשפרעכנדיקע אָריענטאַציע אין אַלדי אָנגעוויזענע פראַגן, פאַר וועלכע ס׳געפינט זיך אין דער פאָלקסקענטעניש דער נויטיקער שליסל? און צי איז אויך נישט וויכטיק, אַז דער קינסטלער זאָל זיך אָפגעבן וועגן דעם אַ דין וחשבון, אַז זיין שאַפונג וועט פריער אָדער שפעטער ווערן אַ שטיק פאָלקספאַרמעגן? אויב ער וועט זיך דערמיט רעכענען, וועט פאַרשטאַרקט ווערן זיין אַחריות־געפיל פאַר אַלדער שאַפונג, וועלכע ער לאָזט איבער בירושה פאַרן פאָלק. דאָסזעלבע קען בכלל געזאָגט ווערן וועגן אַלע מינים שאַפונגען, וואָס אַנטשטייען אין די אויבערשיכטן. וועלן די דאָזיקע שאַפונגען זיין ציכטיקע, גוטע און שיינע, וועט מיט אַ צייט שפעטער אויך דער גייס־

טיקער און זאַכלעכער פֿאָלקספאַרמעגן ווערן דיינער, בעסער און שענער, ווערט מען אין די אונטערע פֿאָלקסשיכטן געפֿונען מער פֿאַרשטענדעניש פֿאַר אַ בעסערן און שענערן לעבנסשטייגער.

ביי אונדז יידן האָט אָבער די פֿאָלקסקענטעניש, אַחוץ די אויפֿגאַבן, וואָס זענען צונויפֿגעבונדן מיטן דאָזיקן צווייג פֿון וויסנשאַפֿט, נאָך איינע אַ גאַנץ ספּעציפֿישע אויפֿגאַבע. אויספֿירלעכער שטעלן מיר זיך ביי איר אָפּ ביי דעם ווייטערדיקן פּונקט 5.

## 5.

## פֿאָלקסקענטעניש אַלס קוואַל פֿאַר יידישער קולטור און ליטעראַטורגעשיכטע.

פֿאַר דעם וויסנשאַפֿטסמענטש, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט קולטור און ליטעראַטורגעשיכטע, ביז דאָס גייסטיקע און זאַכלעכע פֿאָלקספאַרמעגן צומאָל ווי אַן אַרכיוו אָדער אַ מוזיי, ווו עס האָבן זיך אויפֿגעהיט וויכטיקע דאָקומענטן און אַנטיקן פֿון אונדזער פֿאַרגאַנגענהייט ווען נישט די פֿאָלקסקענטעניש, וואָלט מען וועגן אַסך פֿון די דאָזיקע דאָקומענטן און אַנטיקן לגמרי נישט געהאַט קיין באַגריף.

געשאַפֿן האָט זיך אָט אָ דער „פֿאָלקסאַרכיוו“ און „פֿאָלקסמוזיי“ אַ דאַנק דעם קאָנסערוואַטיוון, „מאַרודערישן“ כאַראַקטער פֿון די פֿאָלקסבאַנעמונגען. אין אַ צייט, ווען די אויבערשיכטן לעבן לויטן סטיל פֿון אַ גרויס-קאַפּיטאַליסטישער קולטור, וועבן זיך נאָך אין די אונטערע פֿאָלקסשיכטן סטילן פֿון לאַנג פֿאַרגאַנגענע תּקופֿות, צומאָל פֿון מיטלאַלטער און פֿון נאָך עלטערע צייטן. אָט אַ שטייגער האַלטן מיר אין דער ליטעראַטור ביי אָפּאַטאָשו אָדער לייוויק, אָבער אין די יידישע אונטערע שיכטן האַלט מען נאָך ביי אַלטער ראָמאַנטיק, ביי דער „שונד“, אין וועלכן ס׳ווערט דערציילט אָבער געזונגען וועגן פּירשטן און גראַפֿן, וועגן סענטימענטאַלע ליבע-פּאָרלעך און אויסטערלישע, איבערנאַטירלעכע פּאַסירונגען. די אויבערשיכטן זענען שוין ווייט אַוועק פֿון השׂכּלה-ליטעראַטור, די אונטערע שיכטן דערנענטערן זיך ערשט צו איר. און אַזוי איז עס אויף אַלע געביטן! אין פּאַרוואָרפֿענע שטעטלעך לעבן יידן לויט אַ סטיל, וואָס איז ווי אַמאָל מיט יאָרהונדערטער דערווייטערט פֿון אונדזערע צייטן: מען עסט מאכלים און מען טרינקט געטראַנקען, ווי „פּאַרצייטנס“, מען קורירט זיך לויט די פֿאָרשריפֿטן פֿון דער אַלטער, מאַגישער מעדיצין, וואָס האָט געאַרבעט



מיט „אָפּשפּרעכעניש“, אַרויסטרייבן דיבוקים און דגל. מען דערציילט זיך חכמות פֿון פֿאַרשטויבטע און לאַנג פֿאַרגעסענע ספֿרים, מען היט אָפּ מנהגים, וואָס האָבן שוין לאַנג נישט קיין זין, מען טראָגט אַלטמאָדישע טראַכטן און אַזוי ו. מיט אַנדערע ווערטער: ווען מיר קוקן פֿונ׳ם וויסנשאַפֿטלעכן שטאַנדפּונקט אויף דעם לעבנסשטייגער אין אַזאַ „פֿאַרוואָרפֿן ווינקל“, דערזעען מיר דאָרט רעשטלעך פֿון פֿאַרשידענע קולטור-תּקופֿות, אַ גאַנצן אַרכיוו און מוזיי!.. האָט דאָס טאַקע אַ זייער גרויסע באַדייטונג פֿאַר דער וויסנשאַפֿט, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט אונדזער „נעכטן“, מיט אונדזער פֿאַרגאַנגענהייט, אַסך אַ גרעסערע באַדייטונג, ווי ביי אַנדערע אומות. בכדי אָפּצושאַצן דעם גרויסן ווערט פֿון אָט די „לעבעדיקע“ אַרכיוון און מוזייען, איז גענוג צו באַדענקען, אַז מיר זענען אין משך פֿון גאַנצע צוויי טויזנטער יאָרן געווען כּסדר „אין וועג“, „אויף דער וואַנדער“, פֿאַריאָגטע און פֿאַרפֿאָלגטע, אָן דער מעגלעכקייט צו שאַפֿן פֿעסטע בנינים פֿאַר אונדזערע קולטור-אוצרות — און אַז עס זענען צוליב דעם פֿאַרלוירן געוואָרן אָן אַ שיעור שאַפֿונגען אונדזערע, אָן אַ שיעור דאָקומענטן פֿון אונדזער אַמאָליקן לעבן און וועבן. דער איינציקער אַרכיוו אָדער מוזיי, וווּ עס האָט זיך באַוויזן אויפֿצוהיטן אַ זכר פֿון מאַנכע שאַפֿונגען, איז דער פֿאָלקס-זכּרון, דער אָפּגעשטאַנענער לעבנסשטייגער פֿון אונדזערע אונטערע שיכטן אין דעם אָדער יענעם „פֿאַרוואָרפֿענעם ווינקל“. ווען נישט דער דאָזיקער אַרכיוו און מוזיי, וואָלטן אַסך שאַפֿונגען פֿון אונדזער פֿאַרגאַנגענהייט געבליבן אומבאַקאַנטע, ביזן גרונט צושטערטע.

[folk memory = living museum]

פֿון אַלע וויסנשאַפֿטן, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט אונדזער פֿאַרגאַנגענהייט, קאָן פֿון דער פֿאָלקסקענטעניש אַממערסטן באַרייכערט ווערן די יידישע ליטעראַטור-געשיכטע. ביי געהעריקע ליטעראַטור-פֿאַרגלייכענדיקע מעטאָדן. לאָזן זיך אויפֿן סמך פֿון טייל פֿאָלקסלידער, פֿאָלקסשפּילן, רעטענישן, גלייכווערטער, שפּריכווערטער וכדומה, רעקאָנסטרואירן גאַנצע געביטן פֿון דער אַלט-יידישער ליטעראַטור, וואָס אויף אַנדערע וועגן וואָלט מען באין אופֿן נישט געקאָנט צו זיי דערגיין. פֿון דער אייגענער דערפֿאַרונג קען איך דאָ פֿעסטשטעלן, אַז ווען נישט דער פֿאָלקלאָריסטישער מאַטעריאַל, ווען נישט די פֿאַרשידענע פֿאָלקסשפּילן, וואָס איך און מיינע פֿריינט האָבן געזאַמלט פֿון פֿאָלקסמויל, וואָלט די געשיכטע פֿון דער אַמאָליקער דראַמאַטיק און טעאַטערקונסט ביי יידן, וועלכע איך האָב אָנגעשריבן אין 4 בענדער, קוים געקאָנט ציילן אַ פּאָר קאַפּיטלעך. אַזוי קנאַפּ זענען די אין אַלטע ספֿרים און כּתבֿ-ידן אויפֿגעהיטע ידיעות—און אַזוי רייך און פֿאַרביק איז דער מאַטעריאַל, וואָס איז געבליבן פֿאַרהיט אינ׳ם פֿאָלקסמויל!.. און עס איז פֿאַר מיר אַ זיכערע זאַך, אַז די זעלבע דערפֿאַרונג וועלן אויך מאַכן

אַלע פֿאָרשער, וואָס ווע‍לן זיך באַמיען, אויסצופֿאָרשן די אַלט־יידישע עפּיק, לירי‍ק אָדער פּראָזע, אין דער לעבעדיקער „פֿאָלקסביבליאָטעק“, אין די גע־זונגענע פֿאָלקסלידער און געזאָגטע מעשׂיות וועלן זיי זיכער געפֿינען אַסך מער מאַטעריאַלן, ווי אין די גרויסע מלוכהשע ביבליאָטעקן פֿון מינכען, בערלין, פּאַריז און לאָנדאָן, וווּ ס'איז פֿאַראַן דער רוב אַלטיידישע כּתבֿ־ידן און אויסגאַבן. שוין צוליב דעם אַליין איז כּדאַי, אָפּצוגעבן זיך מיט דער יידישער פֿאָלקסקענטעניש און בפֿרט מיטן יידישן פֿאָלקלאָר.



ש. ווײַטשיק

# די שול אין אָדעלסק (ביאַליסטאָקער ראַיאָן-הויפּטשטאָט)

מען האָט שוין אַסך געשריבן וועגן די חרובֿ געוואָרענע יידישע אַלטערטימלעכקייטן אין פּוילן. אָבער דידאַקטישע אַרטיקלען האָבן נישט געהאַט די געהעריקע פּעולה: עס איז נאָך עד־היום נישט געשאַפֿן גע־וואָרן קיין אינסטיטוציע, וואָס זאָל זיך שטעלן אַלס ציל צו זאַמלען מאַ־טעריאַלן פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער יידישער קונסט אין פּוילן (אויס־מעסטונגען, פֿאָטאָגראַפֿישע אויפֿנאַמעס, קאָפּיעס פֿון וואַנט־געמעלן און אַרכיוו־מאַטעריאַלן), אויפֿהיטן די קונסט אוצרות און זאַמלען אָביעקטן פֿאַר אַ יידישן מוזיי. די איינציקע אינסטיטוציע פֿון דעם מין איז דאָס קוראַטאָריום פֿאַר אויפֿהיטן די יידישע קונסט־אָביעקטן ביי דער לעמבערגער קהלה. אָבער די דערמאָנטע אינסטיטוציע טראָגט אַ לאָקאַלן כאַראַקטער און נעמט אַרום מיט איר טעטיקייט נאָר לעמבערג און די אַרומיקע געגנט. ביי היינטיקן טאָג איז די גאַנצע טעטיקייט אויף דעם געביט זייער צעשפּליטערט און ווערט אָנגעפֿירט דורך אַ ריי אינסטיטוציעס און פּריוואַטע פּערזאָנען. קודם כּל קומען דאָ אין באַטראַכט די קונסט־אָפּטיילונגען ביי די וואָיע־ווודסטוועס (דער מלוכהשער שוץ פֿון אַלטערטימלעכקייטן נעמט אויך אַרום די שולן), ווייטער דער אַנשטאַלט פֿאַר פּוילישער אַרכיטעקטור און פֿאַר קונסט־געשיכטע ביי דער וואַרשעווער פּאָליטעכניק (Zakład Architektury Polskiej) דער אַנשטאַלט פֿאַרמאָגט צווישן זיינע זאַמלונגען אַ ריי ווערטפֿולע אויס־מעסטונגען פֿון שולן און קאָפּיעס פֿון וואַנט־מאָלערייען) און לסוף די יידישע אַקאַדעמישע לאַנדקענטשאַפֿט־קרייזן (פֿאָטאָגראַפֿישער אינווענטאַר פֿון אַ ריי שולן).

מיט די אויבנדערמאָנטע פֿראַגן, ווי אויך מיט דער ליטעראַטור, וואָס איז שוין פֿאַראַן אויף דעם געביט, וועלן מיר זיך פֿאַרנעמען אין די ווייטערדיקע העפֿטן. אין דעם איצטיקן אַרטיקל האָב איך נאָר בדעה צו באַשרייבן די שול אין אָדעלסק, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש הן פֿון קאָנ־סערוואַטאָרישן שטאַנדפּונקט הן אַלס אַן אַלטערטימלעכער אָביעקט. די דערמאָנטע שול איז ביז איצט געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט אין דער פֿאַך־ליטעראַטור.